STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04870

YUNI 1941

Shlomo Warzager

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. & Mrs. Burton Friedman
in memory of
Tillie & Nathan Friedman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואַרזאַגער

יוני
1941

דעם טאַלאַנטירטן —
פּראָזאַיקער ג. [illegible]

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון :

קרן לספרות ולאמנות ע״ש יהושע רבינוביץ

קרן עמו״ס לעידוד מלומדים וסופרים

קרן להנצחת יהדות פולין ע״ש י. גרינבוים

הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג פון קרן „ישראל־בוך״

אליהו ז. קרעמפאַ

שלמה וואָרזאָגער

יוני
1941

נאָוועלע

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג אין ישׂראל
תל-אביב, תשמ"ח — 1988

פּאָרטרעט און סקולפּטור: קינסטלער מיכאל מילבערגער

שלמה וורזוגר
יוני 1941

פאַרלאַג „ישראל־בוך", הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג
תל־אביב, רח׳ איתמר בן־אבי 4

SHLOMO VORZOGER
JUNI 1941

Publishing House Israel-Book
Tel-Aviv, P.O.B. 1777

Printed in Israel **נדפס בישראל, 1988**

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב, טל. 372062

אברהם גלפרין ורעיתו זהבה:
להנצחת זכרם של הוריו —
אבא **טוביה** ואמא **רוזה** ז״ל

אברהם גאַלפערין און פרוי זהבה:
אין זכר פון זיין
פאָטער **טוביה** און מוטער **ראָזאַ** ז״ל

קאַפּיטל א

צוויי און צוואַנציקסטער. פּאַר פרי — אַ טרעוואָגע. אַ גערויש פון עראָפּלאַנען. אַלע אויף דער גאַס, אויפן איינציקן ברייטן טראַקט, וואָס צעשנײַדט דאָס שטעטל גאָראָדיע אויף צוויי. אַ שטעטל, רעכטס פון אַ פאַרצווײַגטער באַן־סטאַנציע.

בעניק און סאָניע מיטן זויגלינג אויף די הענט. אָקערשט, מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק, אַריבער דעם בוג מיט אַן עשעלאָן ווערבירטע אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד, דאָ פאַרהאַלטן זיך אויף „דערוויַל".

נאָך עטלעכע משפּחות, ביעזשענצעס, זענען דאָ פאַרבליבן.

מעסערשמידן — צעעפנטע שערן — שנײַדן בלויע פּאַסן הימל, לאָזן נאָך זיך שיטערע רייכעלער. הילכיקע אויפרײַסן. אַ געבראַזג פון שויבן. שטיקער פאַרהויבענע ערד, שטויב און שטיין. אַ מוראדיק געהודזש. בלייכע, דערשראָקענע פּנימער קוקן זיך איבער:

— ווידער מלחמה?

— ווו לויפן אַצינד?

— צו דער באַן־סטאַנציע.

— אויף מיזרח צו דער סאָוועטישער גרענעץ.

אויפן וואָקזאַל. אַ שווער סאַפּען פון אָנקומענדיקע און אָפּ־פאָרנדיקע לאָקאָמאָטיוון. טאָוואַרנע באַנען. אַ ריטשענדיקע קריצעניש אויף רעלסן. אַ געקלומפּער פון צוטשעפּען און אָפּטשעפּען וואַגאָנען. פון נײַנצן נײַן און דרײַסיק אָפּן די גרענעץ. פרײַער פאַרקער פון די זאַפּאַדנע געביטן אויף אַהין און צוריק.

— פון יענער זײַט גרענעץ, מינסק, מאָסקווע, וועט קומען דער קלאַפּ.

— מע וועט זיי דערלאַנגען, די היטלעריסטן.

העלער טאָג און די קאָנדוקטאָרן לויפן אום מיט לאַמטערנס

אין די הענט לענג־אויס דער באַן — טאָוואָרנע־און פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען — אויף זײַטיקע רעלסן. די לעצטע באַן. אויף איינציקע מינוטן, זאָגט מען. אַ סומאַטאָכע. אַלע אין געלאָף, אין אַנגסטיקן געגיי און געפּלאָנטער. פּאַק און זאַק. קיישלעך. קעסטלעך. טור־ניסטערס און פּלעצאַקעס, קלומיקעס. קינדער בײַ די פּאָלעס פון די גרויסע, אויף הענט פון די מאַמעס. קינדער־וועגעלעך מיט בעט־געוואַנט און שטוב־חפצים.

— און איר גאַפּעט זיך, האַ? בעניק?

ער דרייט אויס דעם קאָפּ צום קול, אַ באַקאַנט מיידל־קול — כומאַ? האַלינאַ?

אַ צעטראָגענער שטייט ער. זוכט מיט די אויגן צווישן טלאָק מענטשנוואָרג. זי נעמט אים אָן בײַ דער האַנט. לויפן שויןביידע. זײַנע אײַליקע, דערשראָקענע בליקן, זוכן סאָניען מיטן קינד. ער פאַרגעסט, בעניק, אַז האַלינאַ, דאָס יונגע שיינע מיידל, פירט אים: אַ גרויס יינגל, אַ פאַרבלאָנדזשעט. ער בלײַבט אַ ווײַלע שטיין. קוקט זיך אַרום.

— סאָניע, שימעלע! — זוכט ער זיי צווישן טלאָק, צווישן געדראַנג פון מענטשן, וואָס ווערט פון מאָל צו מאָל שיטערער.

— קומט! די באַן וועט נישט וואַרטן! אַלע שוין באַלד אינעווייניק — שלעפּט אים האַלינאַ בײַ דער האַנט.

— אַ שכנטע, האַלינאַ. געוווינט וויס־אַ־וויס אין אַ קליין אַל־קערל, אָן אײַנגייעריין צו זיי. אויך אַ ביעזשענצע. אַליין. טאַטע־מאַמע, פיר ברידערלעך דאָרט געבליבן. דער טאַטע — האָט זי דערציילט — האָט נישט געוואָלט רירן זיך פון אָרט. ער געדענקט דעם „דאַאַטש" פון יענער מלחמה. „מ'עט אויך דעם איבערלעבן". נישט פאַר די כוחות פון עלטערע מענטשן צו וואַגלען אין דער פרעמד. איז זי אַליין אַרויס פון שטוב. אַריבער דעם בוג מיט אַ קליין וואַליזקעלע און מיט דעם וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן.

— גיכער, גיכער, פאַניע בעניק! דײַטשיש מיליטער, זאָגט מען, שוין אין שטאָט!

לײדיק פון בײדע זײַטן רעלס. אַ פּײַף, נאָך אַ פּײַף. אַ מאָטאָר־רויש, אַ געקײַקל פון רעדער. געדיכטע רויכן בויערן זיך אַרײַן אין דער פרימאָרגן־לופט.

— איר׳ט זען, פאַניע כעניק, סאַניע און שימעלע זענען זיכער אין אײנעם פון די וואַגאָנען, באַרויִקט אײַך — האָט זי אים, נישט אַרויסלאָזנדיק זײַן האַנט פון אירער, לויפנדיק צום וואַגאָן געזאָגט. בײדע זענען אײַליק אַרײַן אין לעצטן וואַגאָן.

די באַן רירט. פון דרויסן הערט זיך אַ טראַסקען פון מאָטאָ־ציקלען. שטאָלענער געברום פון טאַנקען. דורך די פענצטערלעך פון פּאַסאַזשיר־וואַגאָן — עסקאַדרעס עראָפּלאַנען, ווי פליִענדיקע צלמים, קרײצן דעם הימל. נידעריק איבער די דעכער פון די וואַגאָנען, איבער די בײמערשפּיצן פון בײדע זײַטן וועג לאָזן זײ זיך אַראָפּ. בום! בום! טראַך, טראַך! אַ רעשיק פּיקן און פויקן פון קוילן אין לויפנדיקן צוג. אַ מאָן דרײַסיק אינעווײניק. קעפּ, אַקסלען אײַנגענורעטע אײנער אין צווײטן. פּחד האָט אָפּגענומען ס׳לשון. פון צײַט צו צײַט — אַ קרעכץ, אַן „אוי״, אַ געוויין פון אַ קינד.

נאָענט די סכנה. דײַטשיש מיליטער, זאָגט מען, פאַרנומען גאָ־ראָדיע, סטאָלפּצי, יאָגן ווײַטער אויף אָרשע, מאָגילעוו, מינסק.

בײַ יעדן אָנפאַל — אַן אָפּשטעל. מ׳לויפט פון די וואַגאָנען. מ׳שפּרינגט איבער טיפע טאָלן, הויכע גראָזן, בערגלעך זשוויר און גריבער פון בײדע זײַטן רעלס. מ׳פאַלט און מ׳הײבט זיך אויף. אין אײַלעניש, אין טויטשרעק זוכט מען אַ נאָענט באַהעלטעניש. אַ מינוט, צוויי אַזוי. אײדער אוספּיִעסט זיך ווי עס איז אײַנגראָבן לעבעדיקערהײט — אַוועק די שטאָלענע פײגל. דראַפּעט מען זיך צוריק אַרויף. פאָר קינדער, פרויען, אַלטע לײַט — צו הויך די וואַגאָנטרעפּלעך...

נישט אַלעמען געלינגט ווידער אַרײַן אינעווײניק. פאַרהויבענע הענט. געשרײען. גוואַלדן.

וואַגאָנען אין געטרײסל. רעדער אין גרילציקן געריטש אויף נאַקעטע שינעס — צעמאָלן, צעשטויבן ס׳געיאָמער, די פּײַנגעשרײען

פון דרויסן. דורך די קליינע פענצטערלעך — שטיקער הימל פאַר־פינצטערטע פון רויכוואָלקנס. אויף וויאָרסטן ווײַט — ליידיקע שטחים: שוואַרצערד, ריזיקע קוואַדראַטן גרין פון יונגן תּבואה־שפּראָץ און אויך אויפגעאַנגעגנער תּבואה.

ערב שניט. גרינגאָלדיקע שטענגלער, שלאַנקע, פולע, שווערע זאַנגענקעפּלעך, וואַרטן אויף ז'ער קאָסע, אויפן טראַקטאָר.

אַ פּחד, אַ דערוואָרגענע שטילקייט וואָס האָט נאָך קיין נאָמען נישט, הענגט אין דער לופטן. יונגע יוני־ווינטלער, ווי העזלעך, באַהאַלטן זיך צווישן די הויכע, צעוויגטע זאַנגען, אַ שטייגער זיי שפּירן די סכּנה פון רויכיקע לופט־כוואַליעס וואָס יאָגן אָן פון יענער זײַט גרענעץ. אַ געהעמט געבליפּ פון ראַבירטע דערפער אָקערשט אַרײַנגעפאַלענע אין די טײַוולאַנישע הענט. ביימער גראָב־שטאָמיקע, הונדערט־יאָריקע, מיט געדיכטע בלעטערצווײַגן, שטומען שווער אויס דעם פּחד פון אָנקומענדיקע טעג.

אײַנגעבראָכענע פראָנטן. בהלהדיקער צוריקצוג פון צעקלאַפּטער רויטער אַרמיי פון די „באַפרײַטע" מערב־און מיזרח־געביטן פון פוילן. רעשטלעך טראָפּייען אויף די וועגן. גרופּעס און איינציקע רויטאַרמייער. באַרוועסע, אין בלויזע קעפּ. באַוואָקסענע פּנימער. רויטע און פאַרקאַפּטשעטע לאָמפּאָסן אַרום די אויגן. האַלב־מיליטעריש האַלב־ציוויל געקליידטע אין אײַליקן געגיי. בײַ יעדער אָפּשטעל פון צוג — אַ געלויף צו די וואַגאָנען. אויך אַלטע לײַט, פרויען און קינדער אין אַנגסטיקן אַנטלויף פון די אָקופּירטע, צעראַבירטע דערפער — צו די וואַגאָנען.

אַ ריח פון ברענענדיקע וועלדער. אָפּגעשרפעטע ברויטפעלדער, גערטנער, הייף פויערישע. אַ געהירזש פון צעשראָקענע פערד, אַנטלאָפענע פון ברענענדיקע שטאַלן. חזירים פון די פאָדווירעס — גלײַך אין פײַער אַרײַן. טויטע, פאַרוווּנדעטע אויף די וועגן. בלוט־פלעקן אויף גרויסער, גראָער עריד פון גרויסן, גראָען לאַנד. אָקערשט, מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק — „געפּײַערט" דעם מיליטערישן

מאַרש אויף אוקראַיִנישן־ווײַסרוסישן פּוילן אַ צעבלוטיקטן פון היטלעריסטישן איבערפאַל.

אויפן פעלד, נאָענט פון רעלס, ליגט אַ מענטש אין בלוט. בויך — אויפגעריסן. מיט לעצטע כּוחות אָטעמט פון אים ס׳חיות. פון ווייטיק און בלינדער פאַרצווייפלונג פּרוווט ער זיך אויפהייבן — און פאַלט צוריק אַנידער. גראָע ערד זײַן פּנים.

אויף אַ שמאָל פעלדוועגל שלעפּט אַ פויערטע אַן אָקס בײַ אַ נאָזרינג. דער אָקס וויל נישט גיין. קאַנטיק צעטומלט פון היץ פון די ביימער אין פלאַקער.

אַ העליש פײַער באַלײַכט דעם וויסטן וועג. צווייטער מעת־לעת. אין מאָגילעוו שטעלט זיך די באַן. ווידער ציווילע און מיליטעריש געקליידטע — צו די וואַגאָנען. ערשט נעכטן, אייערנעכטן געזעסן אין די היימען, געאַרבעט אויפן פעלד, אין די פאַבריקן, אויף די זאַוואָדן, קינדער, יונגוואַרג — אין די שולן.

פון דאַנען, מאָגילעוו, אָרשע, מינסק, האָט באַדאַרפט קומען דער אמתער קלאַפּ. גרוסן, ביטערע גרוסן קומען אַצינד. די רעשטלעך געראַטעוועטע דערציילן:

דײַטשיש מיליטער אויף מינסק־מאָסקווע.

דאָס פּאָליטביוראָ, די „וולאַסט“ מיטן „פאָטער פון די פעלקער“ בראש — זאָל זיך „עוואַקויִרן“ אויף קויבישעוו.

אין קויבישעוו בײַ דער וואָלגע — אַ זאַמלפּונקט פאַר די געראַטעוועטע און „עוואַקויִרטע“ רויטאַרמייער.

✶

לאָקאָמאָטיוו שלינגט וויאָרסטן. אין די וואַגאָנען שלינגט מען טויטשרעק. טרערן און פאַרשטיקטע קרעכצן נאָך די פאַרבליבענע. נישטאָ קיין כּוחות צו לויפן פון די וואַגאָנען. נישטאָ קיין כּוחות צו שרײַען, וויינען. אַ ווייטיקדיק שטיל קרעכצן פון אַ יונגער מאַמען: ס׳זויגקינד — נישטאָ. געשען איז אַזוי: בעתן שפּרינגען

פון וואַגאָן האָט זי פריִער אַ וואָרף געטאָן „ס׳לעבעדיקע פּעקעלע״ אָן אײַנגעוויקלטס אין אַ קישן, אונטן צו עמעצן אין די הענט אַרײַן. זי איז אַראָפּ און דעם עמעצן זעט זי נישט. דער צוג נעמט רירן. אַ צעטראָגענע, אַ מבולבלע — איז זי צוריק אַרויף. ווײ און ווינד איר. וואָס האָט זי געטאָן? פאַר וואָס געוואָרפן ס׳קינד אין אומבאַקאַנטע הענט? פאַר וואָס איז זי צוריק אַרויף אַליין. איינע אַליין? שטיל, פאַרשטומט זיצט זי. אַ הייזעריק שלוקערצן, אַ העשען. שגעון אין די צעעפנטע אויגן. אַ קאַלטער שווייס אויפן שטערן. ס׳פּנים — אין אַ גרימאַס פון פאַרלאָרנקייט. די נאָז פאַרשפּיצט, ווי ביי אַ מת. טויטלער־בלויע־בלייכע ליפּן. איינע דערלאַנגט איר אַ גלאָז וואַסער. זי שטופּט אָפּ יענערס האַנט. דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. מיטביידע הענט האַלט זי אונטער אירע בריסט. גרויסע, רונדיקע פלעקן אויפן קלייד פון די סטאַרטשענדיקע, נאַסלעכע ברוסטוואָרצלען.

— אָפּצאָפּן די מילך!

— אַ גלאָז, אַ קענדל!

זי לאָזט צו זיך נישט צו. רירט זיך נישט פון אָרט.

— וואַסער! וואַסער! זי זהלשט!

זי דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין. אַלע, וואָס רירן זיך צו צו איר — שטופּט זי אָפּ מיט דער האַנט.

אין שכנותדיקן וואַגאָן זיצט סאָניע מיטן קינד אויף די הענט. לעבן איר — בעניק, האַלינאַ. געדעכט געוועזן האַלינאַ. אין אַ צווייטן וואַגאָן האָט זיך סאָניע מיטן קינד אַרײַנבאַקומען. ביי אַן אָפּשטעל — אַריבער אַהער. קוקט בעניק אויף איר און איר מראה געפעלט אים נישט. אַ ווייטיק פאַרצוקט איר פּנים. באָטש קיין טרערן זעט ער נישט — וויינט אין איר ס׳האַרץ. אויך ער איז שטאַרק באַזאָרגט. דריטער מעת־לעת און זי האָט נישט מיט וואָס ס׳קינד אָנצוזייגן. סאָניע קאָן נישט אײַנזיצן אויף אַן אָרט. זי שווײַגט. איר שווײַגן צערײַסט אים ס׳האַרץ. עקבערט אין מוח.

די באַן יאָגט. שלינגט שטיקער נאַכט. די קליינע עלעקטרישע

לעמפּעלער איבער די טירן פון וואַגאָן שפּרייטן מער שאָטנס ווי ליכט. בלינדע שאָטנס, וואָס צעקריכן זיך איבער די ווענט. די לופט איז שווער און דעמפּיק.

דריטער מעת־לעת אָן אַ ביסן אין מויל, אָן אַ שלונג וואַסער. נישטאָ אויך בײַ ווער צו בעטן. אַלע זאַפּאַסן בײַ יעדן איינעם אויסגעגאַנגען. ניין. אים הונגערט שוין פון לאַנג נישט. ער קוקט אויף סאָניען, אויפן קינד. איר צונג, שפּירט ער, ווי צוגעקלעפּט צום גומען. אין האַלדז — אַ טרוקעניש. די ברוסטוואַרצלען — טרוקן. און שימעלע — ניענטשעט, פּישטשעט, ווי אַ פאַרהונגערט שוועלבעלע. אַ שוואַך קוים־קוימיק אָטעמען. אָט־אָט גייט אים, חלילה, אויס ס׳חיות. ס׳ניענטשען — אַ זעגן פון גרילן. אין מוח פון סאָניען און בעניקן — אַ כאָר פון גרילן:

אַן עוקץ מילך ווי נעמט מען? אַ טראָפּעלע מילך ס׳חיות פון קינד צו דערהאַלטן.

סאָניע שווײַגט. פּרוווט מיט ביידע הענט דערמונטערן אירע אויסגעטריקנטע בריסט...

— אַ טראָפּעלע מילך אָדער — אַ קויל: אַ קויל און אַ סוף זאָל עס נעמען!

— אַ סוף צו ביידע און די פּײַן פון קינד נישט צוקוקן.

— און טאָמער בלײַבט שימעלע לעבן?

די באַן האָט זיך געשטעלט. „אַ גוטער מלאך״ — אַ ווינטל אַן ערב־טאָגיקס — האָט אויף פליגל פון עטלעכע רויִקע מינוטן, בעתן אָפּשטעל, אַ בשׂורה צעטראָגן פון וואַגאָן צו וואַגאָן:

„אַ מאַמע אין אַ וואַגאָן מיט אַ ווייטיק אין די בריסט: פולע בריסט און ס׳קינד איז נישטאָ״.

האָט אַ געדאַנק אין סאָניעס פאַרנעפּלטן — מבלבולן מוח בליציק זי אַ הייב געטאָן פון אָרט. אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן, אָן אויסדרייען דעם קאָפּ צו בעניקן, פרעגן, זאָגן — איז זי מיט שימעלען אויף די הענט צו צו דער האַלב־אָפענער טיר. זי לויפט צו דער פרעמדער מאַמען, צו דער אומגליקלעכער מאַמען מיט די

פולע בריסט, מיט איר רחמימדיק האַרץ: אפשר? אפשר מיט איר מילך איר פאַרהונגערט קינד פון טויט ראַטעווען.

זי איז אַראָפּ פון וואַגאָן.

אין די רגעס האָט אַ פײַף — אַ יאָמערלעך צעצויגענער פײַף — ווי אַן עבאָ־געקײַקל פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן קול אין אַ וואַלד — זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן און פאַרלאָרן געגאַנגען אין אײַליקן רעדער־געקלאַפּ פון דער באַן.

שנעלער און האַסטיקער קלאַפּן די רעדער.

סאַניעס געשריי — אָפּגעהאַקט.

אונטער יאַגנדיקן באַן האָט די ערד בהלהדיק געציטערט. געריטשעט האָבן שינעס אונטער ראַד־געקײַקל. כעניק איז זיצן געבליבן, ווי געטראָפן פון אַ דונער. ענג איז אים אין קעל. אַ שלאַנג וויקלט זיך אַרום זײַן האַלדז. ניין, אַ פּיאַווקע. פּיאַווקעס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף זײַן קאַרק הינטער די אויערן און זייגן זײַן בלוט. וואָס זיצט ער, ווי אַ למך? גלאָצט ווי אַ גילם מיט די אויגן צו דער פאַרהאַקטער טיר פון וואַגאָן: קוקט צו די וואָס אינעווייניק. עפּעס רעדן זיי, מורמלען, מאַכן מיט די הענט אין זײַט אַרײַן. משונהדיקע הענט־תנועות. הערט רעדן און קיין וואָרט פאַרשטייט ער נישט.

אַ קאַלטע כוואַליע האָט אים פאַרשטראָמט, אויפגעשווידערט. די אויגן פאַרגאָסן ביז בלינדקייט. בלײַ אין די אברים... און אָט... פאַלט ער אין אַ תהום. ער וויל זיך אָן עפּעס אָנכאַפּן, האָט נישט אין וואָס. ס׳קלינגט אין די אויערן. ס׳נודיעט צום ברעכן. די הענט, די פיס — נישט זײַנע. ס׳דריקט אין ברוסט, ס׳פעלט אים אויס אָטעם. ער וויל שרײַען און קאָן נישט. אַ חשכות אַרום אים. דער תהום — טיפער און טיפער. אונטן, אויפן דנאָ פון תהום — אַ וואַגאָן. אַ ליידיקער וואַגאָן. די טיר — האַלב־אָפן. פאַר וואָס שפּרינגט ער נישט? פאַר וואָס האָט ער סאַניען מיטן קינד געלאָזט שפּרינגען? אַצינד, קאַפּ אין וואַנט קלאַפּ. קאָפּ אין דער טיר פון וואַגאָן קלאַפּ.

אַ חלשות אַ שוואַכקייט!

„וואָלסטו אַליין אין וואַגאָן געווען — וואָלסטו נישט גע־חלשט" — הערט ער אַ קול און ווייסט נישט פון וואַנען דאָס קול קומט. אַ, זײַן אייגן קול איז עס. ער דערקענט עס קוים. ווי פון אַ קבר אַרויס הערט זיך עס...

— וואַסער! וואַסער!

— דער מענטש איז פאַרבײַ!

— ראַטעוועט!

— ששש. אָן גוואַלדן — האָט האַלינאַ, וואָס איז די גאַנצע צײַט לעבן אים געזעסן — זיך אויפגעהויבן. מיט ביידע הענט, ווײַסע הענט, ווי פליגל צעפלאַטערטע פון טויבן — געפּרוּווט אַלעמען אײַנשטילן. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו כעניקס פאַר־וואָרפענעם קאָפּ, גענומען אים אין אירע הענט, מיט עטלעכע לײַכטע פּעטשלעך אין פּנים אים אַ מונטער געטאָן. זי האָט געבעטן אַ גלאָז אָדער אַ שיסעלע וואַסער. אַ האַלב קענדעלע וואַסער האָט מען איר אונטערגעטראָגן. זי האָט גענעצט די פינגער און באַשפּריצט זײַן פּנים. ער האָט געעפנט די אויגן, צוריק פאַרמאַכט און געעפנט.

אַריבערגעבויגן איבער אים, פּנים צו פּנים, האָט זי זיך בײַ אים געבעטן:

— כעניוש, כעניוש קאָכאַני.[1]

כעניקס ליפּן האָבן זיך באַוועגט אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. זי האָט זײַנע קאַלטע הענט אַרײַנגעלייגט אין קענדל וואַסער און גערעדט צו אים:

— כעניוש, ס'ט זען. זיי זענען דאָ. זיכער אין אַ צווייטן וואַגאָן אַרײַן. געדענקסט אויפן וואָקזאַל, אין גאַראַדזשע?

די באַן יאָגט. פעלדער, כאַטעס,ביימער לויפן אָפּ. מיט זיי — טעלעפאָן־סלופּעס, דראָטן, וואָס טראָגן אָן אַ בייז געזשום. ניין, נישט קיין געזשום. אַ צום טויט פאַרוואונדעטע חיה רעוועט, בויערט

1. ליבער.

זיך דורכן מידן, אָנגעשפּיצטן געהער אין מוח אַרײַן, פֿאַרגלושעט, פֿאַרטויבט די געהירן.

די שרעק לייגט זיך ווי פּיאַווקעס אונטער די אויערן, זייגט דאָס בלוט און די שארית־כּוחות פֿון די וואַגאַנמענטשן. אויך די לופט אין וואַגאָן — ווי עמעצער וואָלט אויסגעזויגן, אויסגעצאַפּט, אַזש נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען.

דער שלאָף קלעפּט זיך צו די אויגן. די וואַכיקע חושים לאָזן זיי נישט פֿאַרמאַכן.

אַן אומווילן באַוועלטיקט זיך. אַ מאַכטלאָזיקייט און אַ רעזיג־נאַציע:

— ניין. נישט לויפֿן מער. נישט שפּרינגען בײַ אַן אָפּשטעל. וואָס ס׳וויל זײַן — זאָל זײַן.

און ס׳פֿײַפֿן הערט נישט אויף. לאַנגע, צעצויגענע פֿײַפֿן — אַ בײַטש אויפֿן צעקאַטעוועטן לײַב פֿון גרויסן גראָען לאַנד, אַן אויפֿ־געשווידערטס פֿון פֿלוצעמדיקן איבערפֿאַל.

קאַפּיטל ב

קוּבּישעוו. דאָ הערט מען פון דער מלחמה אין ראַדיאָ און אין די בלעטער. דאָ, ווער ס'ווינט נאָענט פון דער באַן, זעט עשעלאָנען: פאַרפלאַמבטע וואַגאָנען און אָפענע פּלאַטפאָרמעס מיט מיליטער. מיליטער און געווער אויף מערב. פראָנט. דער פראָנט איז הונגעריק. ער שלינגט אײַן די וואַגאָנען אַמוניציע און די מענטשן.

פון אויפגעפּראַלטע טירן הערן זיך שיכּור־פריילעכע לידער. געזונטע, יונגע מענערשטימען:

— ראַסיאָ מאַיאַ, מאַט' ראַדנאַיאַ.[2]

— נאַשע דיעלאָ פּראַוואָיע.[3]

— פּאָביעדאַ זאַ נאַמי.[4]

די באַן שטעלט זיך. לעצטע סטאַנציע. ייִנגלעך מיט טראַנס־פּאַראַנטן אין פאַרהויבענע הענט. גרויסע, פעטע אותיות:

„זדראַסטוּוויטע גראַזשדאַניע עוואַקואיראַוואַניע".[5]

פרויען מיט קאַנען מילך, מיט בלעכענע שיסלען און קאַכלעפל. אָפענע, צעשמייכלטע פּנימער. אויך ווישט מען אַן אויג מיט אַ שפּיץ פאַרטעך, „יופּקע", מ'צלמט זיך איבער. מ'מורמלט:

— נאַשי לודי.[6]

— ניטשעוואָ.[7]

2. רוסלאַנד מײַנע, לײַבלעכע מוטער.
3. אונדזער ענין איז אַ גערעכטער.
4. דער זיג איז מיט אונדז.
5. זײַט באַגריסט, בירגער עוואַקויִרטע.
6. אונדזערע מענטשן.
7. ס'מאַכט ניט אויס.

— בודיעט כאַראַשאָ.[8]

מ׳העלפט אַראָפּגיין פון די וואַגאָנען. אַ יונגע פּויערטע אין אַ ווײַסן כאַלאַט, אַ ווײַסן טשעפּיק אויפן קאָפּ גענענט:

— קראַנקע? פאַרוווּנדעטע? דאַרף ווער מעדיצינישע הילף?

נישט לאַנג איז מען דאָ געשטאַנען. אַלע — אין האָטעל, נישט ווײַט פון דער סטאַנציע. נישט צו גרויסע צימערן. ווײַס געקאַלכטע סופיטן, ווענט. קליינע פענצטער. אַ געמיש פון עפּעס שטאָטיש־דאָרפיש. בעטן — פאַרשפּרייט מיט אַליוו־גרינע קאָלדרעס. אויף די בעטן — טאַלאָנען: דרײַ מאָל אין טאָג אין סטאָלאָווע. אויפן פינפטן טאָג — אַלע מענער אין עלטער ביז פינף און פערציק — אין וואָיענקאָמאַט. מאָביליזאַציע־רעסאָרט פון קריגס־קאָמיסאַריאַט. מ׳רעגיסטריט. די סאָלדאַטן און דינסטפעיִקע — צו מיליטערישע איינהייטן און מאָביליזיר־פונקטן. מ׳גרייט נײַע ראָטעס, אָפּטיילן. די איבערגעבליבענע — אין די קאָלכאָזן אַרום דער וואָלגע. צו די יונגע, געזונטע מענער — „ווען מ׳וועט אײַך דאַרפן, וועט מען אײַך רופן". טיילן פון צעקלאַפּטע אַרמייען — ווערן גלײַך אָפּגעשיקט אויפן פראָנט צוזאַמען מיט די פריש מאָביליזירטע.

זאַמלפונקט בײַם וואָיענקאָמאַט. אַ גרויסער שטח. אַרום און אַרום — אַ צעפּ פוןביימער. הילצערנע בענק לענג־אויס די טישן. נאַקעטע, אומגעהובלטע ברעטער. עטלעכע וואַגאָנס מיט מאָביליזירטע קומען פון ערגעץ אָן. מיט זיי — קאָלכאָזניצעס, קינדער. אַ סגולה דאָ אַרויסצובאַגלייטן מאָביליזירטע. אָפּשפּרעכענישן, פרומע מור־מלענישן. מ׳צלמט זיך איבער. מ׳וואַרפט קליינגעלט אין די קעשענעס פון די מאָביליזירטע — אַ שפּרוך, אַ סגולה אַהיימקומען לעבעדיקע, געזונטע, אויך פאַר די וואָס דאַרפן מאָביליזירט ווערן און פאַר די וואָס זענען שוין אויף די פראָנטן.

שוין זיצט מען אַרום די טישן. פלעשער וואָדקאַ, סאַמאַגאָן. צעעפנטע קיישלעך, אויסגעשפּרייטע פלאַכטעס, דערעס, פאַטשיילעס.

8. ס׳וועט זײַן גוט.

אַ ריח פון ראַזעווע ברויטן און זיסע געבעקסן, „פּיעטשעניעס״. מ׳טרינקט פון פלעשער, פון מויל צו מויל, פון גלעזער, טעפּלעך און קוואַרטלעך. מ׳זינגט. מ׳קלעפּלט זיך גוט־ברודעריש אין די פּלייצעס, האַנט אין האַנט. מ׳נעמט זיך אַרום און מ׳קושט זיך. הויכע געלעכטערס. געזונטע, פויערישע קולות. פעסטע אָרעמס. האַרטע פּנימער — בערדיקע און גלאַט ראַזירטע.

ליידיקע, איבערגעקערטע פלעשער אויף די טישן, הינטער די טישן, בענק. מיט הענט אויף אַקסלען, שיכּורלעך־צעוואַקלט, לאָזט מען זיך אין אַ טאַנץ. אַ ווילד הייבן מיט שטיוואַלעס, שווערע שיך. מ׳זינגט. ניין, נישט קיין געזאַנג. אַ הייזעריק צעשריגן הויך זיפּצעניש און אַ צוטופּען מיט שטיוול. עפּעס צאַרנדיק־פאַרביסן, וואָס גייט איבער אין אַ ניגונדיקן שרײַען, אַ גאַרגלען זיך אין אַ געשטיקטער ספּאַזמע.

אַ לויזע ריי. אַקסל צו אַקסל. אין אַ האַלב אָפענעם קרײַז — האָבן זיי אויסגעזען, ווי אַרומגענומען פון אַ געהיימען פּחד. ווי אַ שטרענגע, אומגעזעענע, גרויזאַמע לאַפּע וואָלט זיי דאָ צוזאַמענגעהאַלטן, אײַנגעשלאָסן: אויף זייערע קערק, העלדזער — אַ שטריק פאַרוואַרפן. נישט איין קאַלבאַזניצע דרייט אָפּ דעם קאָפּ אָן אַ זײַט, ווישט אָן אויג מיט אַ שפּיץ קאָפּטיכל.

פון ראַדיאָ־הילכער רײַסן זיך קולות:

— אונדזער מיליטער האָט פאַרנומען.

— אונדזערע האָבן איבערגעלאָזט.

— אונדזערע גייען פאָרויס.

— אונדזערע טרעטן אָפּ.

דער האַלבער קרײַז אַרומגענומענע ווערט לויזער.

— אָדער געהרגעט ווערן אָדער צוריקקומען אַ גראַף [9] — שרײַט אויס איינער.

ער האַקט מיט דער פויסט זיך אין ברוסט. בײַ יעדן „שלאַג״

9. העלד.

ציטערט זײַן פעסטע שטים. אַ פּיאַנע באַדעקט זײַנע ליפּן. איינער, גאָר אַ יונגער, קורץ געשוירן, העלע, שיטערע וואָנסעלער, וואָס זעען אויס נישט געשוירן נאָר אויסגעציפּט, העכער פון אַלע, אַ מאָגערער מיט אַ ווײַס, כמעט מיידלש פּנים — שווײַגט. אַרויס פון דער ריי, גייט ער צו צו אַ קליינינקער, פּעטלעכער, שוואַרץ־חנעוודיקער — קאַנטיק זײַן ווײַבל — און פיר קינדערלעך לעבן איר. אַלע גייען אים אַנטקעגן. זי טראָגט אַ ציטן קליידל, זומער־לעטשלער, כאָטש ס׳איז שוין גוט קיל. דער הויכער מאַן בייגט זיך אַראָפּ, נעמט אַ קינד אין זײַנע לאַנגע, פעסטע אָרעמס, הייבט אים אויף. שטאַרק און שטום דריקט ער אים צו זיך. לאָזט אים פּאַוואָלינקע צוריק אַראָפּ. פיר מאָל אַזוי. ס׳קליינע ווײַבעלע קוקט זיך גוט אײַן און שמייכלט פאַרלעגן, וואַרט. אָט־אָט בייגט ער זיך צו איר אַראָפּ, איר הויכער מאַן — אַ פינפט קינד — און דריקט זי צו צו זײַן האַרץ. ניין. דער „טאַטע" בייגט זיך נישט אַראָפּ צו איר. ער שמייכלט פאַרשולדיקט. שטום און שטיל, ווי ער איז צו זיי צוגעגאַנגען, גייט ער צוריק אַוועק. אַלע קוקן זיך איבער. ווערדליק די פּנים־גרימאַסן איז קאַנטיק אַ סקרוך אַריבער איבער זייערע לײַבער.

און פון ראַדיאָ־הילכער:

— וואָלגאַ, וואָלגאַ, מאַט׳ ראָדנאַיאַ![10]

בעניק, נאָך צוויי יידישע משפּחות און האַלינאַ — אין אַ קאַלכאָז.

„אַז מ׳וועט אײַך דאַרפן — וועט מען אײַך רופן".

לינקס פון דער וואָלגע ליגט דאָס דאָרף — סינגילעי. אַ ברייטער שטויבוועג ציט זיך קרום־שלענגלדיק לענג־אויס דעם דאָרף. פוןביידע זײַטן — הײַזקעס, שטרויענע שיפּועים־דעכער. געערטנדלעך. שטאַכעטן. אַ סך ביימער — אַלטע, גראָבשטאַמיקע. אַ ווײַס מויערל מיט אַ בלעכענעם דאַך — זײַטיקלעך און ווײַטלעך

10. וואָלגאַ, וואָלגאַ, לײַבלעכע מוטער!

פון אַלע כּאַטעס — דאָס הויז פון פּרעדסעדאַטעל, פון דעם פּאַרזיצער.

אַ קילבלעכער וועטער דאָ אין די זומערס. איצט — שפּעט־האַרבסטיק, קאַלט. פרי שטעלט זיך דאָ דער ווינטער. אין די פאַר־נאַכטן שטאַרקט זיך ס׳קילע ווינטל וואָס קומט פון דער וואָלגע. אַט־אָטיק הייבן זיך אָן די רעגנס — בײַסיקע, בײַטשיקע. שנייען, פרעסט. וואַסער־קאַלוזשעס אויפן איינציקן ברייטלעכן טראַקט און אויף די פעלדער. די נישט אײַנגעזאַמלטע תבואה — פוילט. דאָס גלײַכן — ס׳קאַרטאָפל־פעלד. פעטלער, ווייך און בלאָטיק די אַרויס־דאַביוועטע קאַרטאָפל. און נעמט מען זיי נישט אַרויס צו דער צײַט — פוילן זיי, גייען אין ניוועץ. סנאָפּעס נישט אַראָפּגענומענע — ווערן גנאָי. הענט דאַרף מען. אַ גאַנץ יאָר פעלן דאָ הענט. מלחמה־צײַט — אַוודאי.

זומער דאַרף מען איבערוואַרפן, איבערלופטערן די הויפנס קערנער אין די סקלאַדן; אַנישט — ווערן זיי פאַרברענט פון היץ און אייגענער שווערקייט. די „וולאַסט" טרעבעוועט ס׳איריקע. אַצינד — נאָך מער. ברויט פאַר די סאָלדאַטן. ברויט פאַרן פראָנט. ברויט פאַרן רוסישן פאָלק, וואָס אַרבעט פאַר דער מלחמה. אַלע סאָוועטישע בירגערס דאַרפן אַצינד אונטערשטעלן אַ פּלייצע. פאָ־טערלענדישע מלחמה. אויף ברויטקאַרטן לעבט מען אַצינד. אויך אַנדערע פּראָדוקטן: פלייש, שמאַלץ, בוימל, צוקער — לויט צו־טיילונג. דער פראָנט איז נאָענט. דײַטשיש מיליטער בײַ די טויערן פון מאָסקווע. לענינגראַד — אין אַרומרינגלונג. פּראָוויאַנט, מעדי־קאַמענטן — מיט דער לופט. די פעטליע אויפן האַלדז פון די צוויי גרויסע סאָוועטישע שטעט ווערט פון טאָג צו טאָג ענגער. הענט. הענט. די שטעט, דערפער — אויסגעליידיקט פון יונגע מענטשן. פרויען, אַלטע לײַט, קינדער אין שולעלטער — אויף די זאַוואָדן, אין די געווער־פאַבריקן

אין די גרעסערע שטעט — גייען אום קלאַנגען — איז מיט לעבנס־מיטלען נאָך ערגער. אַ זשעדנעקייט אין פּראָדוקטן, אין אַ

ביסל מעל. אויף די באַזאַרן, טאָלטשאָקן — אַ האַנדל מיט ברויט־פּאָרציעס, קאָרן, ווייץ, קאַשע, גרויפּן — אויפן קילאָ, אונטער האַנט־טעבער, אין קיישלער — אין די ווינקל־הייף. סטראַגע. שטרענג מיט אומלעגאַלן האַנדל. אַזוי אויך „וויעשטשעס", אַלטע זאַכן, טשובעס.

פּאַר פעקלער טשערוואָנצעס שלעפּט מען אָפּער פענעצן ברויט פון אונטערן העמד אויפן לײַב, פון קאַפּטיכלער וויקלט מען זײַ אויס. אויפן גראַם, ווי גאָלד, ווערט עס געוואויגן.

צווישן די שטעט און דערפער — אויף וויאָרסטן ווײַט און ברייט — פוסטעווען פעלדער. ווילדגעוויקס און דערנער, שטויב און מאָך באַדעקן זיי.

אַלע אין דער פרי קלאַפּט דעם פּרעדסעדאַטעלס זונדל, רײַטנדיק אויף אַ פערד, אין די לאַדנס, אין די שויבן:

— רעביאַטאַ,[11] צו דער אַרבעט!

בעניק איז דער ערשטער אויפן תבואה־פעלד. די זשניווע האָט הײַ־יאָר פאַרשפּעטיקט. די וואָס האָבן אַ קאָסע אין האַנט געהאַלטן, אַ טראַקטאָר געפירט — אַצינד ווײַט פון די היימען, אויף די פראָנטן. פון בעניקס הענט פאַלט אַרויס די קאָסע. בלאָזן, פאַכירן אויף די פינגער. רק צו האַרטע ערדהרודעס טרעפט זײַן קאָסע, פאַרטשעפּעט זיך אין שטיינער. וואָס אויסגעבויגענער, נידעריקער צו דר׳ערד ער האַלט זי — אַלץ קרומער דער שפּיץ: שנײַדט אונטער די זאַנגען מיטן וואָרצל, האַקט אין די שטיינער.

— פון וואַנען, אַ כאָלערע, אַזוי פיל שטיינער — בייזערט ער זיך.

דעם פּרעדסעדאַטעלס זונדל לאַכט:

— טי פּאַניטש ס׳פּאָלשי.[12]

11. יאַטן.

12. ביסט אַ פּאַן פון פּוילן.

— פוסקיַ פּיַדיאָט נאַ קאַרטאָשקו.[13]

אויפן קאַרטאָפל־פעלד אַרבעט האַלינאַ. מע קלײַבט דאָ אין די עמערס. מע שיט אין די זעק און מ׳וואַרפט אויפן וואָגן. צו אַ וואָגן איז געשפּאַנט אַ פֿערד און מיט אַ פערד דאַרף מען זיך קענען אומגיין. זעט ער, דעם פּרעדסעדאַטעלס זונדל, וואָס גייט כעניקן נאָך ווי אַ שאָטן, אַז אויך צו דעם טויג ער נישט דער פּאַן זפּאָלשי:

— ניע זאַראַדני.[14]

כעניק פאַרענטפערט זיך. טאַקע געדינט אין פּוילישן מיליטער. אָבער אין אַ פּיעכאָטנעם פּאָלק און נישט אין אַרטילעריע. אַרויפּצױען אַ געשפּאַן, אַנטאָן אַ צײַמל — ס׳גייט נישט. ס׳פערד דרייט מיטן קאָפּ, פאַרסקעט מיט די נאָזלעכער, פּיצקעט מיט די פיס.

וואַרפט עס אים שוין די ניכפּה, דעם פּרעדסעדאַטעלס זינדל:

— קאַקאַי טי קולטורני טשעלאָוויעק, טשטאָ לאָשאַדיעי ניע אומיעש זאַפּרעגאַט ?[15]

צוריק אויפן קאַרטאָפל־פעלד. לעבן האַלינקען איז אים גרינגער. אַ פּנים אויך איר איז גרינגער. — געפעלט אים נישט, דעם שגץ. צו נאָענט שטייט איינער פון צווייטן. רעדן אויף אַ מאָדנע לשון. נישט קיינער פון די פעלד־אַרבעטערס, נישט ער — פאַרשטייען אַ וואָרט.

„מודרי יעווריי, אַ קלוגער ייִד דער אויסלענדער. און אַז מע רעדט — לייגט מען אָוועק די הענט... ניין. ס׳טויג נישט. צו וואָס דאָ אַהער געקומען ? גאָסודאַרסטווענע[16] ברויט עסן ? דאַרטן אויף די פראָנטן לייגט מען די קעפּ און ער ברעכט זיך דעם קאָפּ ביַי די חודשלעכע באַריכטן, די סוואָדקעס.

13. זאָל ער גיין אויפן קאַרטאָפל־פעלד.

14. אַן אומבאַהאָלפענער.

15. וואָס פאַר קולטורעלער מענטש ביסטו, אַז דו קענסט קיין פערד ניט איינ־שפּאַנען ?

16. מלוכהשע.

דערקעגן די באַרישניע, די שיינע באַרישניע אַרבעט גוט. אַ נאַסטאַיאַשטשע, אַן אמתע פּויערטע. אָ, ווי פלינק זי ספּראַוועט זיך: אַ דריק מיטן פוס אויף דער קאָפּטשאַדלע און די נאַסלער־שוואַרצע ערד צעפּאַלט זיך אונטער אירע הענט. ווי אייערבעקעלעך קוקן זיי אַרויס, די קאַרטאָפּל, פון דער קלעפּיקער שוואַרצקייט. מיט אירע דינע, ווײַסע פינגער, ווי הינערפּיסלעך, צעשאַרט זי די ערד, כאַפּט אַרויס אַ קאַרטאָפּל, נאָך איינע, אַ דריטע, אַ וויש מיט דער קליינער דלאָניע און אַ וואָרף אין עמער.

ער האָט דערוועגן איבערגערעדט מיט זײַן טאַטן דעם פערד־סעדאַטעל. מע דאַרף, מאַכט ער, דער באַרישניע טוישן די ברויט־קאַרטן פון זעקס הונדערט גראַנז אויף אַכט הונדערט. אַ סטאַכאַנאָווקע אָט די שיינע באַרישניע.

קאַפּיטל ג

שפּעט, אַוונט צו, קומט מען אַהיים פון פעלד. אַ ליימשטיבל. אַ בעטל. אַ שטרוישעניק, אַ קישעלע פון שטרוי און אַ קאָלדרע. אַ מידער פאַלט בעניק אויפן געלעגער. קיין שלאָף נעמט נישט. לאַנגע נעכט. צו לאַנגע, קאַשמאַרנע. האַלוציניאַציעס. אָפענע אויגן צו דער סטעליע. ווײַסע סטעליע — אין אַ נעפּל. אַ ליכטיקער נעפּל. צוויי געשטאַלטן נידערן צו אים פון נעפּל אַרויס. מטושטשע געשטאַלטן — אַ גרויסע און אַ קליינס, אַ פּיצלס. אַט־אַט באַרירן אירע הענט זײַן פּנים, מאַכן צו זײַנע אָפענע אויגן.

— שלאָף, שלאָף אײַן, כעניוש...

לעבן דער האַלב־וואַרער אומקלאָרער געשטאַלט — דאָס קליינינקע. ביידע דערקענט ער:

— סאָניע, שימעלע.

רגעס, ברוכטיילן פון רגעס דויערט עס און אַט ווערן זיי נעלם אינעם שיטערן נעפּל. אַ שיטערע ליכטיקייט קלעפּט צו זײַנע אויגן... אַ וואָלקן אַ שווערער פאַלט אויף אים, דעקט אים צו. שלעפּט אים אַראָפּ, אַראָפּ. ער פאַלט. ער וויל זיך אין עפּעס אָנכאַפּן און — עפנט די אויגן.

נישט וואַך, נישט שלאָף. אין די שלייפן קלאַפּט ווי מיט האַמערס. ניין, ס'אַ קײַקלען זיך פון רעדער איבערן קאָפּ און — אַ קול: איר קול און אַ שלאָפעריק געוויין פון אַ קינד. פון ווײַט, ווײַט, ווי אַן עכאָ קומען די קולות. און ער ליגט ווי אַ געליימטער.

פאַר וואָס איז ער נישט געשפּרונגען פון וואַגאָן? וועלכער געהיימער כּוח האָט אים אָפּגעהאַלטן? אָ, די ראַפּטעמדיקייט, די פינצטערע רגע — —

און צו מאַרגנס אין וואַגאָן? — אַ שושקעניש. עמעצער זאָל

האָבן געזען: אַ געזונטער קערל אין אַן עס־עס מונדיר. אַ שוואַרצער העלם מיט אַ סקעלעטן־קאָפּ — פּאַררוקט אין אַ זײַט. אַ רויט־האָריקער, מיט אַ שראָם אויפן פּנים. אַ האַקנקרייץ אויפן אָרעם.

— דיווערסאַנטן, דיווערסאַנטן — האָט עמעצער אויסגעשריִען.

מיט אַ טראַסקערײַ און האַסטיקן אָפּשטעל איז יענער אויף אַ מאַטאָציקל אַנגעריטן. אַ געהויל:

— אויפשטיין!

סעקונדעס האָט די גאַנצע זאַך געדויערט. דער קוויטשענדיקער גליטש פון רעדער אויף שינעס, דאָס סאָפּען און פײַפן פון לאָקאָ־מאָטיוו — האָט מיט אַ מאָל אַלץ אָפּגעהאַקט.

אַזאַ וויסט אויסכאַפּעניש.

אין קוּבישעוו, אין דער סטאָלאָווע — ער עסט, טרינקט, גלײַך מיט אַלע. לעבן אים — האַלינאַ, דאָס שיינע מיידל, וואָס האָט אים פון חלשות דערמונטערט. און אַלע וואַגאַנמענטשן נעמען פון זיי נישט אַראָפּ די קוקערס... און אין קאַלכאָז? די ווײַכנדיקע בליקן פון די צוויי משפחות, וואָס זענען צוזאַמען מיט זיי געשיקט געוואָרן? ווײַכן? זיי טאַטשען אין די אויגן: — אָ, אַ פרישע ליבע!

אַ זינד, אַ שווערע זינד באַגאַנגען. דער שׂכל איז אַ קריכער... אָ, ניין. דער שׂכל איז פון אים אין גאַנצן אָפּגענומען געוואָרן — — טײַער יִנגעלע, שימעלע; ליבע, טײַערע סאָניע...

אַ פאַרביקייט פון אַ העל־גרינער בין האָט זי אַנגעטראָגן מיט איר אַרײַנקום, מיט איר יעדן באַוועג. מיטן צוזעצן זיך צום טיש. איר ענערגיש פאַרעניש אין קיך. ווו, ווען האָט זי זיך דאָס באַלע־באַטישקייט אויסגעלערנט. און איר קלוגשאַפט? וויפל בחורים האָבן זיך אַרום איר געדרייט? שיינע, עלעגאַנטע בחורים פון רײַכע היימען. „איך וואָלט פיר, פינף אַזעלכע אַרײַנגעלייגט אין אַ שמעלצטאָפּ און אַרויסגענומען איינעם" — האָט זי געזאָגט. איז ער דער איינער? וואָס האָט זי געזען אין אים? שוין נישט קיין יונגער. נישט קיין סך העכער פון איר. אַ העלער שאַטין. אַ שיטערלעך בינטל האָר

אויפן קאָפּ נאָענט פון הויכן שטערן, מיט אַ פּריס פון אַן ערשטן שניי — „דעקט" סימנים פון אַ פּליך. „ניין — האָט זי דערוווידערט — נישט קיין פּליך, אַן אויסגעוווינקלטער שטערן". אפשר דאָס ברייט־לעכע פּנים, די פּעסטע קינען און דער אָוואַל: אין דעם דער „צאַש", דער „עפּעס" וואָס ס'האָט אין זיך דאָס פּנים — סאָניעס ווערטער. „עפּעס טאָטעריש־אַזיאַטיש און אייראָפּעיִש" — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— מײַן טאַטע האָט געדינט אין טיפליס... פון דאָרטן געבראַנגט דעם מוסטער...

אַ פיר און דרײַסיק־יאָריקער מאַן און — אַ יונגער טאַטע. מענער האָבן חתונה פון מידקייט, פרויען — פון נײַגער. אַזאַ קלוגע, רײַפע צו אירע צוואַנציק יאָר. צווייטער סימעסטער אויף הומאַניסטיק און פּסיכאָלאָגיע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. איר טאַטע — אַ שותּף צו אַ גרויסער אַקציע־געזעלשאַפט פון פישפאַנג־נעצן. אַגענטורן אין דאַנציג, פּויזן און אין אויסלאַנד.

איין מאָל אין יאָר — יום־כּיפּור — האָט איר פּאַפּאַ זיך געטראָפן אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע־גאַס מיט אַ סך ייִדן: קאַפּאָטעס און קאַפּעליושן, געגאָלטע פּנימער און געשווירענע בערד־לעך. שניפּסן. בינדעס. צילינדערס און סאַמעטענע אָדער סאַטינענע צי באַטיסטענע הויכע קעפּקעס — אַ מין יאַרמלקע, וואָס נאָר רײַכע, פאַרמעגלעכע ייִדן טראָגן אין די דאָזיקע יום־טובים אין שול. ס'רוב פון זיי טראָגן פאַרוואָרפן איבער האַלדז און אַקסלען שמאָלע טליתימלעך מיט זילבערנע עטרות.

אַ גוטן פּויליש האָט מען דאָרט געקענט הערן. צו מאָל — העברעיִשע ווערטער און גאַנצע פּסוקים געמישט מיט ייִדיש: ס'לשון פון די ביוראָען ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין געלט־ענינים, פאַר־סודות, סוחרישע דריידלעך, וואָס די גויִם־אינזשענערס אין די ביוראָען אָדער געשעפט־פאַרבינדעטע — האָבן נישט באַדאַרפט וויסן אין וואָס עס גייט.

פּאַרנומען אַ זעקס־צימערדיקע דירה אויף „קראָקעווער פּאָר־שטאָט".

פּליושענע קושעטקעס, פּאָטעלן. קרעדענצן — לעצטע מאָדע. זשיראַנדאָלן. אַ רחבותדיקער סאַלאָן. די פּאָדלאָגע פון דעמבענע פּאַסאַדסקע־קלעצלעך — סימעטריש אײַנגעפּאַסט אין רומישע פּינפן. געהובלט, געשניצט און פּאָלירט מיט וואַקס פון נוס־ברוינעם קאָליר. אַ דינסט. אַ מיידל אויף קאָנדיציע בעת זי, סאָניע, איז אַ קליינע געווען. אַ סטודענטין — האָט זי נאָך געדענקט ס׳נאָכלויפן איר פון דער קאָנדיטשאַרע מיט אַ ליבלעך בייזערן זיך:

— פּאַלקני,[17] מאַמע־לעבן.

בעתן אַנטלויפן, ניינצן נײַן און דרײַסיק האָט דער מאַמען געכאַפּט אַ שווערע פּאַרקילונג. געבליבן „דערווײַל" אין אָטוואָצק, אין אַ שפּיטאָל־סאַנאַטאָריע. גוט וואָס דער פּאַפּאַ האָט ס׳ביסל צירונג און די „וויכע" געלאָזט בײַ איר. פון דעמאָלט האָט זי ביידן נישט געזען מער. ער און סאָניע זענען אַריבער דעם בוג.

נײַנצן נײַן און דרײַסיק. די „מאַנופאַקטורנאַיאַ וואַינאַ", דער גרויסער נאָכפּרעג אויף טעקסטיל. די ערשטע וואָך נאָכן אַרײַנמאַרש פון דער סאָוועטישער אַרמיי אין די „מערב־געביטן" האָט דאָס מיליטער אויסגעליידיקט אַלע מאַנופאַקטור־קראָמען. אויס־געקויפט זייגערס, שיך, קאַלאָשן און וואָס נישט? און צום צוריק־ציִען זיך פון אייניקע שטעט פון די „באַפרייטע געביטן"? די סומאַטאָכע? דער פּאַפּלאָך? — ס׳לויפן צום בוג „אויף יענער זײַט"?

איבער נאַכט איז מען היימלאָזע מענטשן געוואָרן. אַ יקרות אויף דירות, אַלקערס, איינצל־צימערן. אַ וואַלגערן זיך אויף וואָקזאַלן, אין קלובן, שולן, לאָקאַלן פון געזעלשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס. גאָרקיכן. צוגעטיילטע זופּן. שרעקלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען. פּאַראָרדענונגען וועגן רעגיסטראַציעס. טאָג־טעגלעך

17. שלינג אַראָפּ.

אַנדערע רעגיסטראַציעס. פּעסער. פּעסער מיט פּאַראַגראַפן, וואָס פאַרוואָרן ביעזשענצעס ווינען אין גרויסע שטעט. פּעסער פון ערשטער קאַטעגאָריע אויף פינף יאָר. דעזאָריענטאַציע. קלאַנגען וועגן צוריק אַהיימפאָרן. די פּרעסע, ראַדיאָ — שווייגן. אין די פאַרלאָזטע היימען זענען געבליבן טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, האַלבע משפחות, קרובים. פון „יענער זייט" — פון די וואָרבירטע אויף אַרבעט — מוראַדיקע גרוסן: וואַלד. טייגע. שטעכלדראָטן. צוריקגעקומענע לאַגערניקעס דערציילן שווידערלעכע מעשׂיות: קאַטאָרזשנע אַרבעט, אַרעסטן. איבער נאַכט ווערן נעלם מענטשן. טויטפאַלן, תּפיסה. די ידיעות — אַ פּעטליע איבערן האַלדז. וואָס טוט מען? יאָ נעמען פּעסער, נישט נעמען פּעסער, צוריק אַהיים אָדער — אַנטעמען סאָוועטישע בירגערשאַפט. אויף אייביק צעשיידן זיך מיט די משפחות, וואָס זענען נישט אַריבער דעם בוג? היטלער וועט פאַרט ברעכן דעם קאַרק.

אין גאָראָדיע האָט אַ ביעזשעניעץ פון אַ גרענעצשטעטל טערעספּאָל דערציילט אַן אמתע אָדער אויסגעטראַכטע מעשׂה „ווי אַזוי די מלחמה נייצן איין און פּערציק האָט זיך אָנגעהויבן; אַ רוסישע באַן מיט פולע וואַגאָנען תּבֿואה פאָרן שותּף — היטלער־דייטשלאַנד — זאָל האָבן פון אַ פון פריִער צוגעגרייטער עס־עס־קאָמאַנדע פאַרהאַלטן געוואָרן מיט אַלע רוסישע באַן־אַרבעטערס. אין געציילטע מינוטן איז די באַן באַזעצט געוואָרן פון דייטשיש מיליטער און אַוועק קיין בריסק — אַן איין שאָס איז ס'שטעטל אָקופּירט געוואָרן. דער וואָס האָט נישט געזען דאָס בילד פון די אומגליקלעכע, צעשלאָגענע, האַלב־נאַקעטע, באַרוועסע רוסישע „קריגס־געפאַנגענע" — דער ווייסט נישט וואָס הייסט יעקע שווייַן.

★

סאָניע. איך קוק פון די טונקל־ברוינע אויגן. די באַהאַלטענע חשיבות אין זיי. איך פּעוונעקייט אין דער אייגנמיניקער שיינקייט. אין דער פרעמד, אין דעם וואָגל קנאַפּע צוויי יאָר: ווייט פון

טאַטע־מאַמע, האָט זי איין מאָל האַלב־איראָניש האַלב־ערנסט אַ זאָג געטאָן.

— ליב האָבן קאָן דיך נאָר דער, וואָס האָט דיך פאַרלאָרן. אַנו, וועמעס ווערטער?

— אַדאַם מיצקעוויטש.

געמיינט איר רײַכע היים. „ווישיסטקא וויגאָדי, נאַ קאַזשדעם פּיענטרזשע — סכאָדי”, אַלע באַקוועמלעכקייטן, אויף אַלע שטאָקן — טרעפּ. גערעדט וועגן דעם ראַשקאַשנעם לעבן פון די „אייבערשטע פון שטייסל”. כאַטש געפירט האָט זי זיך, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ סטודענטין, אַ טאָכטער פון אַ רײַכער היים. דאָך קריטיקירט די התנהגות פון די חברטעס. גרינגע קעפּ. אַ פּוסט רוישן, ווי ס'ליידיקע פאַס אין משל פון לאַפאָנטען. — אַ פאַרריסנקייט, ווויל און שוויל, וואָס פירט אין ערגעץ נישט. אַזוי אויך זייערע מאַמעס, מומעס פון די „הויכע פענצטער”. פרויען פון פאַבריקאַנטן, באַנקירן, בערזעלײַט. גרויסע סוחרים מיט זייער אַרויסרופערישער שטאַט: גאָלדענע רינגען מיט ברילאַנטן אויף די הענט. העלדזער באַהאַנגען מיט גאָלדענע קייטעלער, מעדאַליאָניקעס. עקסקלוסיווע געזעלשאַפטן. קאָנצערטן, טעאַטערס כאָטש זיי האָבן קיין גרינעם אַנונג נישט וועגן די מחברים און קינסטלערס־קאָמפּאָזיטאָרן. ווייס אָבער ווען אַרײַנוואַרפן אַ וואָרט, נעמען: מאָצאַרט, בעטהאָווען, באַך, שאָפּען. ביכער מיט גאָלד־געלײשטע רוקנס אויף די פּאָליצעס, אין די שרענק. קונסטזשורנאַלן נישט אויפגעשניטענע. אַליין פון דעם סגאָל איז זי, ווי זי פלעגט זאָגן: אָבער — „פון אַן אַנדער מאַטעריע”. זי האָט געגאַרט נאָך נײַעס: אַן אייגן וואָרט, אייגענעם בליק אויף זאַכן, אויף לעבנס־דערשײַנונגען. אַ בוך, אַ בילד פון אַן אָריגינעלן מאָלער, שרײַבער — יאָ. אָבער נישט „נאַ פּאָקאַז”. הויכשטאַפּלערײַ — אַ סחורה עובר לסוחר. צולייגן אַן אויער צו אַ נײַעם געדאַנק, צו רייד, וואָס האָבן אין זיך אַ סך אמת — „אָוושעם”.

הײַנט איר שיינקייט? פון איר לענגלער־קלאָרן האַלדז האָט



ליבשאַפּט

אַזאַ מילדע וואַרעם געשלאָגן, ווי פון אַ פרילינגס־אָוונט. איר קלינגענדיק פריש געלעכטער? די ריַיפע פרוויִשע רונדקייטן האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ריח פון אַ צײַטיקער פרוכט. אין ערשטן יאָר פון זייער באַקאַנטשאַפט, אויף דער אוניווערסיטעט־באַנק, האָט ער זיך באַגנוגנט בלויז מיטן ריח... געוווּסט, אַז די פרוכט וועט אים אין די הענט אַרײַנפאַלן. די דאָזיקע האָפענונג האָט, ווי אַ צעהווידעטער לאַמטער, אַ העלע שײַן געוואָרפן אין קנאָפּ באַלויכטענעם טונעל פון זײַן לאַנגן אינדערוואַכן.

דער כּוח פון ליבע האָט, ווי אַ פלוס־מינוס־שטראָם, פון ביידע אַרויסגעשלאָגן אַ ליכט, אַז איינער האָט געקענט לייענען דעם צווייטנס מחשבות. אין זײַנע אויגן האָט דער בלענד פון איר שׂכל אים אויסגעזען ווי אַ שטערן אַ ווײַטער, אַן אָפּגעריסענער פון דער גאַלאַקטיק־סיסטעם, וואָס האָט אַ קריץ און אַ בליץ געטאָן אויף זײַן פאַרנעפּלטן האָריזאָנט.

כאָטש ער ווייסט, אַז ביַי פרויען זוכט מען נישט דווקא די קלוגשאַפט, מ׳זוכט אין זיי דאָס יונג־מיידלשע, ס׳האָפּערדיק־פריילעכע, ס׳גוטע געמיט, די איבערגעגעבנקייט, כאַראַקטער, ס׳גראַדע און קידער־ווידערדיקע, דאָס משונהדיק נײַע און וועד ווייסט וויפל נאָך זאַכן, וואָס מ׳האָט פאַר זיי קיין נאָמען נישט, און דאָס לעצטע — די קלוגשאַפט.

און האָסטו זי שוין ליב, איז אַוודאי דער שׂכל אַ וויכטיקער וואַלאָר און איז מוסיף צו דער שיינקייט. זאָגן, אַז בלויז שׂכל פון אַ פרוי קאָן אָנצינדן אין אַ האַרץ פון אַ מאַן ליבשאַפט — איז נישט דער גאַנצער אמת.

טראָץ דעם גאַווהדיקן בליק פון אירע ליכטיקע אויגן, דעם פאַרריסענעם שיקסעוואַטע נעזל, איז אין איר קלסתּר־פּנים געווען עפּעס פון אַ טיפּיש־יִידישער טאָכטער. וואָלט איר נעזל געווען אַ ביסעלע לענגער, געהאָרבעטער, ווי דער שטייגער פון יִידישע פּנים־שטריכן, וואָלט זי אַוודאי פאַרלאָרן פון איר אָריגינעלן חן און צויבער.

אויב מענטשלעכע גורלות זענען בלאַנדזשענדיקע שטערן, האָבן זיך ביידע — צוויי באַזונדערע וועלטן — אָפּגעפונען אַ דאַנק דער גראַוויטאַציע פון קעגנזײַטיקע כוחות: אַראָפּגענידערט די הימלישע באַשטראַלונג אויף דער ערד, דאָס ערדישע דערהויבן צום עטעריש־ספּיריטועלן. סאָניע — דאָס גרויסע מאַרגנליכט, וואָס פאַריאָגט אַלע שאָטנס פון זײַן מידן טאָג, טאָג פון אַן אָרעמען סטודענט.

געקומען קיין וואַרשע — די „מאַמע" פון אַלע פּראָווינצן, געאַרבעט בײַ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט און געלערנט. אַן עקסטער־ניסט. אויך אויף דער אוניווערסיטעט־באַנק האָט אים די אידעע — סאָציאַליזים — פאַרכאַפּט פון איר ייִנגלווײַז אין דער היים — נישט אָפּגעלאָזט. מיידלער, ראָמאַנען, אַנדערע קאַוואַלערסקע פאַר־געניגנס — דערנאָך, דערנאָך... פריִער דאַרף מען זאָרגן פאַרן וויל פון די אָרעמע, פאַר די לײַדנדיקע.

ער האָט פאַר סאָניען די אַ געדאַנקען, פון סאַמע אָנהייב באַקאַנטשאַפט, נישט פאַרהוילן. אירע רייד וועגן לעבן און פירעכצער פון די רײַכע האָבן אַ טירל געעפנט פאַר אים צו איר איידעלער נשמה — אַ טאַבולאַ ראַזאַ. ווו ער האָט נאָך יעדער באַגעגעניש אַרײַנגעשריבן אַ נײַע שורה פון זײַן לעבנסבוך. איר צושאָקלען מיטן קאָפּ אויף הסכמה — האָט אין אים זײַן פּעוונעקייט געשטאַרקט. ניין. ער האָט אין איר נישט קיין טעות. נאָך אַ וואַלאַר פון אַט דעם שיינעם מיידל, דער בת־יחידה פון שטאָק רײַכע עלטערן.

פרויען פאַרשטייען מער ווי זיי ווייסן. ער האָט באַשײַמפּערלער געזען, ווי אירע בליקן לײַכטן אים דורך און דורך. אויסגעקליבן דווקא אים, דעם סטודענט פון אַן אָרעמען אָפּשטאַם — אַ קלוגער שריט פון אַ יונגפרוי, אונטערגעזאָגט פון אינטעלעקטועלער פאַר־שטאַנדיקייט. זי האָט אין אים געפונען דעם „צאַש". דעם וואַרעם־דערבאַרעמדיקן אויסשטראַל פון זײַן קערנדיקן פּנים. דער היפּוך פון די רײַכע זינדלער, וואָס קומען תמיד צום גרייטן, „שטאַרבן

פון ליבע" און שטייען ווידער אויף תחית־המתים, כּדי זיך פֿאַר אַנדערע דערקלערן „אין אייביקער ליבע".

זי האָט אין אים געפֿונען אַלץ, וואָס איר האָט געפֿעלט. תּמיד זוכט מען בײַ יענעם דאָס וואָס אַליין האָט מען נישט.

אַוודאי איז אין וועג איר געשטאַנען דעם פֿאָפּאָס קרומלער־ברוגזלעכער קוק אויף איר, דער מאַמעשיס דרייען מיט דער נאָז, הלמאי איר טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ סטודענט פֿון נידעריקן גראַד. סאָניע האָט איר צוריקגעצאָלט מיט דער זעלבער מטבע: „ס'איבלט איר די שטוביקע אַרומנעמיקע וואַרעמקייט: ס'אַ וואַרעמ־קייט אין מויל פֿון אַ הויז־חיה, אַ קאַץ, וואָס טראָגט איבער אירע געבווירלינגען פֿון אַ סכּנהדיקן אָרט אין אַ זיכערן ווינקל. ס'איז איר ענג, שטיקנדיק אין דער „גאָלדענער שטײַג".

נאָך דער חתונה, האַרט פֿאַרן מלחמה־אויסבראָך, פֿלעגט זיך סאָניע אָפּטער אַ ווײַז טאָן אין ביוראָ אויף לעשנע־גאַס. ער — געבויגן איבערן צייכנברעט, זי — קעגן אים. מיט פֿאַרבליפֿטע בליקן קוקט ער זיך אײַן אין די ניסתּרע שיינקייטן פֿון אירע אײדעלע קערפּערטיילן. מעסט איר יעדע תּנועה. אַנטפּלעקן געוואָלט די סודות פֿון איר טונקל־הויטיקן פּנים, די קליינע מוילווינקלען, וואָס האָבן ווי שוואַם אײַנגעזאַפּט אין זיך די נשמה־שיינקייטן. טיף גערירט האָט עס אים, גלײַך ער וואָלט אויף איר דאָס ערשטע מאָל געקוקט. אַ כוואַליע גוטסקייט איז איבער אים אַריבער, פֿאַרשוווּנקען זײַנע חושים, אים מבולבל געמאַכט.

קאַפּיטל ד

האַלבע נאַכט. אפשר פאַר טאָג. סײַ ווי שלאָפן וועט ער שוין נישט. נישט פאַרשלאָפן ביז דעם פּרעדסעדאַטעלס זינדל וועט אין פענצטער אַרײַנשרײַען:

— רעביאַטאַ,[18] צו דער אַרבעט!

ער דערמאָנט זיך: גאַראַדיִע. שווער צו זאָגן, אַז סאָניען איז צום האַרצן געווען האַלינאַס הײמישן זיך. ס׳אַפּטע אַרײַנווײַזן זיך אין שטוב. כאַפּן ס׳קינד אויף די הענט. אויסקושן אים: „נישט דאָס קינד קושט זי אַצינד — האָט ער פון איר קלוגן שמייכעלע אַרויס־געלייענט — נאָר זײַן טאַטן". ער האָט פון דעם פאַרשטאַנען, אַז אַ חלק, דעם גרעסטן חלק פון האַלינאַס פרײַנטלען זיך מיט דער שטוב — איז ער, כעניק... די קלוגסטע מענער זענען בעת־מעשׂה אין די אַ ווײַבערישע גענג קנאַפּע מבינים.

ערשט איצט, דאָ אין קאָלכאָז, זעט עד באַשײַמפּערלעך, אַז נישט דווקא איר עלנט האָט דאָס מיידל געמאַכט פאַר אַן אײַנגייערין צו זיי אין שטוב. סימנים האָט ער געזען אין וואַגאָן נאָכן אומגליק מיט סאָניען און קינד. אירע „צופעליקע" וויזיטן דאָ בײַ אים נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט? דאָס נישט דערמאָנען די גאַנצע צײַט סאָניעס נאָמען. נישט דער שׂכל דיקטירט זי אַזוי. אַוודאי נישט איר „צניעות". אַזוי דיקטירט ס׳נבואהשע האַרץ פון אַ פאַרליבט מיידל. עס מאַכט אַפּפילן זאַכן, וואָס דער שׂכל איז נישט משׂיג. און אפשר — צביעות מתוך תּמימות? ווער מאַכט אַט די מיידלעך אַזוי דערפינדעריש־קלוג? שטעקט זיי אַן מיט ספּריט, פלינקייט פון אַ ים־טויבער. דערגרונטעווען זיך צו די סאַמע טיפענישן פון

18. יאַטן.

אַ מאַנס האַרץ, קלײַבן די פּערל פֿון זײַן פֿאַרשטאַנדיקייט און — נישט מיר, נישט דיר, פֿאַרתּכלעווען, וואַרפֿן אויפֿן מיסט, אין ים אַרײַן — ים פֿון לעבן.

ווער האָט זיי אָנגעשטעקט מיט אַזוי פֿיל מיסטעריע: כוואַליעס פֿון חן, רמז און סוד: שיקן צום מאַן שטראָמען פֿאַרפּירערישקייט.

אין וואַלד פֿון זייערע געהיימע וועגן און מחשבות בלאָנדזשעט ער און בלאָנקעט: פֿאַרטשעפּעט, ווי אַ לויפֿנדיקער הירש זײַנע הערנער, אין געדיכטן געצווײַג פֿון פּרווּישע רעפֿלעקסן: פֿאַלט, הייבט זיך אויף, גייט ווײַטער ביזן פֿאַרלירן דעם קאָמפּאַס.

די שנעלסטע „חיה" אין דער וועלט — איז דער געדאַנק — האָט ער צו זיך געזאָגט. אָט איז ער דאָרט, אָט איז ער דאָ און אָט — ווידער דאָרט. וואַגאָן. יענע פֿינצטערע רגעס, ברוכטיילן פֿון רגעס. געוואַלט ראַטעווען ס׳קינד פֿון הונגערטויט און ביידע אַרײַנגעפֿאַלן אין מערדערישע הענט פֿון אַ רויטהאָריקן היטלער־יונג מיט אַ בלוטיקן שראַם אויפֿן פּרצוף. פֿאַרגוואַלדיקט? אַרישע שׂינאה צו ייִד: סעקס צו ייִדישער פֿרוי, וואָס איז אַזוי שטרענג פֿאַרבאָטן פֿון פֿירער. אָ, דער האַס. די עראָטישע ווילדקייט. מיט זײַנע טומאדיקע הענט דײַן ריינעם גוף באַפֿלעקט: דײַן נשמה געשענדעט?

ער פֿילט, ווי ס׳רייכערט זיך אין אים סאַניעס געשענדעטער טויט, ס׳דערשטיקטע געשריי צערײַסט זײַן האַרץ. האָבן אירע איידעלע פֿינגער זיך נישט אײַנגעגעסן אין זײַן האַלדז: די ציין זיך נישט אײַנגעביסן אין זײַן גאָרגל. ס׳קרעציקע בלוט פֿון דעם היטלער־יונג זאָל איבער אירע הענט רינען?

אַ פֿרײַ פֿעלד. און איר האָט אָטעם פֿאַרפֿעלט צו שרײַען. אַ פֿינצטערער וואָלקן אין אַ גראָ־גרינעם מונדיר האָט איר די זון פֿאַרשטעלט. אַן אָפֿענער הימל איבער איר און די ערד — אַן אָפֿענער קבר.

און שימעלע, שימעלע! אַ ביסל מילך דײַן חיות צו דערכאַפּן האָט זיך דײַן מאַמען פֿאַרוואָלט. וואָסער געהיימע האָנט האָט זי

פון אָרט אויפגעהויבן, זי צו ד'ער האַלב־אָפענער טיר געיאָגט? ווו איז ער געוועזן? וואָסער כּוח האָט אים צום אָרט געבונדן?

ווו וואַלגערן זיך אַצינד אײַערע ביינער, אײַער יונג געביין?

— און איך לעב, לעב — האָט ער זיך שוין אַ וואַכעדיקער געקלאַפּט אין דער נאַקעטער ברוסט. און איך עס, טרינק, ראַזיר זיך יעדן צווייטן, דריטן טאָג. גיי צו דער אַרבעט. רייניק די בלאָטע פון די שיך. וואַש זיך אַרום. טו אָן אַ בגד. פּאַר וואָס, פּאַר וואָס איז ער באותו רגע נישט אויפגעשפּרונגען פון אָרט, אַרויס פון וואַגאָן — מיט איר, נאָך איר. וואָסער כּאַלערע, וואָסער שד זיצט אין מענטש? ער פּאַראומערט דאָס לעבן און לאָזט נישט שטאַרבן. שטאַרקער פון טויט איז ער, דער שד. שטאַרקער, טײַערער פון פרײַז פון אַ פרוי און קינד? — —

נאָר אַ שד, אַ שדל אין מאַסקע פון אַ שיין, יונג מיידל, האָט אין די רגעס געטאַנצט פאַר זײַנע אויגן, אין זײַן בלוט. האַלינאַ. אירע רחמימדיקע בליקן. אירע וואַרעמע פינגער אויף זײַנע קאַלטע הענט און הייסן שטערן אין וואַגאָן. איר שטום־לשון, איר האַרץ־לשון.

אַליין דאָ. פון דער היים — קיין שום ידיעה. איז זי די איינציקע דאָ, אין דער פאַרוואָרפענער וועלט? אין דעם העק? און ער — אַ בעל־רחמים? נו שוין זשע איז זײַן ווייטיקדיק־צעאַקערט האַרץ, זײַן געמיט — אַ פעלד פאַר נײַער זריעה? ליבע־קערנדלעך? — אַ זיבעצן־אַכצן־יאָריק מיידל און אַן עלטערער מאַן מיט צעוווּנדיק־טער נשמה?

שוין זשע האָבן אים די עטלעכע חדשים מלחמה, וואַגל, שווערע אַרבעט אַזוי פאַרגרעבט? סאַראַ פּאַק יסורים האָט אַט דאָס יונגע מיידל אויף אים אַרויפגעוואָרפן. „שווער צו טראָגן און אַ שאָד אָוועקצוּוואַרפן". אַ שאָד אַוועקצוּוואַרפן? — האָט ער זיך אַליין געגומען זידלען. וויפל מיידלעך אַזעלכע האָט ער אין זײַנע בחורישע יאָרן געטראָפן און אַפילו זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי. און דווקא דאָ, אַצינד, אַזאַ רויע שיינקייט? אַ שדל, צי אַ שלענגל? און ס'הייבט

ס׳קעפל און לעקט מיט רויטן צינגל די נישט־פאַרהיילטע ווונד — איז עס אַ שד אין געשטאַלט פון אַ מענטש? צי אַ מענטש מיט אַ שדיש פּנימל? מענטש — שטויב. שטויב — מענטש — אַ קנויל פון אַטאָמען: פון שטערן צעפּאַלענע אויף שטויבן. הונדערטער, טויזנטער מיליאָנען יאָרן בלאָנדזשען אין קאָסמאָס די שטערן. אויך דער ערדקײַלער, וואָס וועט אַוודאי אין מיליאָנען יאָרן אַרום צוזאַמען מיטן מענטש ווערן — שטערן, ווי אָט דאָס זילבערל, ס׳שטערנדל — אַ לעצט אויפן סוף־נאַכטיקן הימל — וואָס קוקט אַרײַן אַצינד אין פענצטערל. פון אַ סטאַדע וואָלקנס קוקט עס אַרויס צו אים — איינס אַליין אויפן הימלראַנד, אויף דער וועלט, ווי ער דאָ אויפן פּויערשן געלעגער.

אָוונט געלייגט זיך שלאָפן און קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

✶

עס שאַרױעט אויף טאָג. אַ קילער דרויסן בלויט זיך אַרײַן דורכן פאַרנעפּלטן שײַבל. כעניק איז אַראָפּ פון געלעגער. זיך אַרומ־געוואַשן. געכאַפּט אויף זיך די פּופּײַקע, די אַרבעטס־הויזן. אַרײַן אין די שווערע שיך און אַרויס. נימאס אים צו הערן ס׳טופּען פון די פערדישע קאָפּיטעס און ס׳הוילן פון פרעדסעדאַטעלס זינדל, ס׳וועקן צו דער אַרבעט.

פון די פעלדער גייט אויף אַ געדיכטער נעפּל. וואָס העכער — אַלץ דינער, דורכזיכטיקער. דעקט אָפּ שטרוידעכער: סאָפּלעס ראָסע, ווי אײַזטראָפּנס קאַפּען פון די שיפּועים. גראָע הײַזקעס צעוואָרפענע איבערן דאָרף. העקטאַרן שוואַרצערד צעאַקערטע און שטשערניעס פון אָפּגעקאָסעטע פעלדער. סנאָפּעס רונד פאַרקײַ־לעכטע מיט אַרויסשטאַרטשענדיקע פלאָקנס. אַ צלמל פעלט — און זײ כאַפּן די מראה פון קלויסטער־קופּאָלן אַראָפּגעזונקענע צו דר׳ערד.

ס׳געבלעטער אויף די ביימער, הויכע גראָזן און ווילדגעוויקס — בײַ די זײַטן וועג — ציטערן פון פײַכטקייט און אָניאָגנדיקן ווינטל

פון דער וואָלגע. די טוי־טראָפּנס אויף זיי — ווי אַן אַנגסטיקער שווייס וואָלט זיי באַדעקט, אַ פּחד פאַרן אַנקומענדיקן ווינטער, וואָס הויערט אין דער לופטן און לייגט זיך שווער און מיד.

דער גאַנצער פרימאָרגן, ווי ער וואָלט געשווידערט פון טרויער און באַדויער. וואָלקנס, געלאָדן מיט רעגן און ווינט, יאָגן אָן אומהיימלעכקייט — אַ שטילע מלחמה פון נאַטור און מענטש.

אויפן קאַרטאָפל־פעלד — אַ צוויי צענדליק מענטשן: קאַל־כאָזניצעס, אַלטע לײַט מיט קאָפּטשאַדלעס און רידלס אין די הענט, געבויגענע איבער בייטן: קלײַבן פון דער ערד אַרויס קאַרטאָפל, וואַרפן אין די עמערס, שיטן אין די זעק. דער כאָזיאַין, באַלעבאָס — אַזוי רופט מען דאָ דעם פרעדסעדאַטעלס זינדל — וואָס דרייט זיך הין און צוריק — פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע בײַ איטלעכן. וואַרפט צו אַ וואָרט און גייט ווײַטער.

בײַ האַלינען בלײַבט ער שטיין אַ ביסעלע לענגער ווי מ׳באַדאַרף. שמײַסט מיטן באַטשעווקעלע, דאָס ריטל מיט וואָס ער טרײַבט אונטער דאָס פערד — האַלט עס אין אַ כאַליעווקע פון שטיוול — שמייכלט צו איר גוט־ברודעריש:

— ווי גייט עס, באַרישניע.

— ניטשעוואָ.[19]

— זאַקוריט כאָטשיש?[20]

— איך רייכער נישט.

— ס׳פּאָלשי,[21] אַ גרויסשטאָטישע און רייכערט נישט?

— נישט אַלע גרויסשטאָטישע רייכערן.

— טי מודראַיאַ![22]

זי שווײַגט.

19. בסדר.

20. ווילסט פאַררייכערן?

21. פון פוילן.

22. ביסט אַ קלוגע.

— איך האָב איבערגערעדט מיטן טאַטן. דיר פאַרגרעסערן דעם פּאַיאָק.[23] דו אַרבעטסט גוט. אַ נאַסטאַיאַשטשע קאַלכאָזניצע.[24]

— ספּאַסיבאָ. אַ דאַנק.

אַ מאָל באַוויַזט זיך אויפן פעלד זיַין טאַטע, דער פּרעדסעדאַטעל. אַ יוסטער מאַן. אַ סאָלדאַט אין דער פינלענדישער מלחמה, זאָגט מען. פאַרווּונדעט געוואָרן. אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק. איצט — בראַנירט, באַפריַיט פון מיליטער־דינסט. ער טראָגט אַ סטאַליניסטישע גימנאַסטיאָרקע פאַרקנעפּלט ביז אַרויף. שטיוועלער פון זעלבן געמז ווי דער זון. אַוודאי איַינגעהאַנדלט ערגעץ אויפן טאָלטשאָק, אויפן מאַרק פון אַלטע זאַכן. אין קויבישעוו, בעת זיַין אָפּט פאָרן אַהין „פּאָ דיעלאַם".

— מיַין טאַטע קען זיך אויס מיט דער „וולאַסט". איז נישט קיין גאַסט אין די קאַנטאָרן — מאַכט דער שגץ אַ מינע פון אַ „יאַ טעבע דאַם". דאַרפסט עפּעס — קענסטו זיך ווענדן צו מיר.

— ספּאַסיבאָ. אַ דאַנק. אַז כ'וועל דאַרפן וועל איך זיך ווענדן.

בלײַבט מען אַליין אויפן פעלד — אַ מאָל אין די פרימאָרגנשעהען, אַ מאָל פאָרן אַהיימגיין — גייט אָן אַ שטיל געריידִ:

„דער טאַטע זיַינער — מילא. אַן עלטערער מענטש, אַן אינוואַליד. בראַנירט. אָבער דער כאַלאַסטאַי, דער רווק? אַזאַ געזונטער יונג — בראַן? דרייט זיך דאָ צווישן די באַבעס, אַלטע ליַיט, קינדער אין שולעלטער. אַלע מענער אויפן פראָנט און ער וואָרפט אייגלעך צו די באַרישניעס. ביַי דער פון ,פּאָלשאַ' פאַרהאַלט ער זיך תמיד לענגער.

אַ שיינע באַרישניע. דער וויַיסער שאַל פאַרצויגן ביז אונטער דער גאָמבע, מאַכט איר פאַררייטלט פּנים — פון בייגן זיך מיטן פוס אויף דער קאַפּטשאַדלע — נאָך שענער.

שיינע באָטן טראָגט זי. אַוודאי פון דאָרטן. צום אַהיימגיין

23. פּראָדוקטן־נאָרמע.

24. אַן אמתע קאָלכאָזניצע.

גראַבלט אַפּ די גראַבע שטיקער ערד צוגעקלעפּטע צו די באַטן ביז איבער די „נעז". אַ שיינע, געשמאַקע באַרישניע. און זי אַרבעט גוט.

אַוודאי פון אַ גרויסער שטאָט.

און דער, ס' ,פּאַלשי', איר אוכאַזשאַר, קוקט...

און ער, דעם פּרעדסעדאַטעלס זינדל, טרעט נישט אַפּ פון איר".

אַוודאי זעט ער, בעניק, ס'דרייען זיך אַרום האַלינען פון דעם פּרעדסעדאַטעלס זינדל. אַ פּאַראַזיט און אַ חוצפּהניק דערצו. זײַן פּעלד. זײַן היים דאָ. זײַן לאַנד. בעניקן איז אַ רחמנות אויפֿן מיידל. אַליין דאָ, אין דער פרעמד. אַזאַ העק, די צוויי משפּחות, די ביעזשענצעס — קוקן אַזוי קרומלער אויף איר — וואָס פּאַר אַ שלעכטס האָט זי זיי געטאָן? — זי ליידט דערפון. אויך ער ליידט דערפון. ער קאָן איר נישט העלפן. ער קאָן זיך נישט העלפן.

ווי דורך אַ נעפּל זעט ער אַצינד זײַן לעבן: אָקערשט אַ בחורל. אַ האַלבער יתום. די מאַמע איז פּרי פון דער וועלט געגאַנגען. געבאַוועט זיך בײַ אַ זיידן, אַ טאַנדעטנער שנײַדער. גאַנצע און האַלבע וואָכן געגאַנגען איבער דערפער. אַהיים געברענגט פולע זעק: הויזן, רובאַשקעס, שפּענצערס, קאַזשוכן צו פּאַרריכטן, ניצעווען.

אַ נידעריקער מאַן, דער זיידע. אַ גראָ־גערדיכטער באַרדאַנוווקס ביז אַרויף די באַקן. אַ ליצעפּעט אויפן קאָפּ. געדיכטע ברעמען — טונקעלע, צוזאַמענגעוואַקסענע. דער זאַק אַרבעט אויף „אַ גאַנצע וואָך" — האָט אים נאָך נידעריקער געמאַכט. נישט קיין שווערער זאַק אָבער זײַן פּאַרנעמיקייט האָט דעם זיידן אין גאַנצן פּאַרדעקט. ער האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזעען ווי אַ מוראַשקע וואָס שלעפּט אויף זיך אַ פּאַק גרעסער פון איר און איבער אירע כּוחות.

איין מאָל — אַ יינגעלע פון אַ יאָר צען — האָט אים דער זיידע געפּרוווט אַ פינגעהוט אַרויפציִען אויפן מיטלסטן פינגער:

— אַ שנײַדער וועסטו בײַ מיר ווערן, העניכל.

— ס'טוט וויי, זיידע, האָט ער זיך געקרימט.

איין מאָל אין דער וואָך איז ער מיטן זיידן געגאַנגען אויפן

דאַרף פּריַיטיק — אין באָד אַריַין. געוווינט אויפן באָדגעסל. אַ שמאָל סטעזשקעלע פירט צו אַ לאַנקע, אַ טיפער ראָוו פאַרוואַקסן מיט הויכע גראָזן פון ביידע זיַיטן — טיילן אָפּ די באָד פון דער לאַנקע. פון דער אַנדערער זיַיט באָד — אַ טיַיכעלע. ס׳פּריילעבע געפּליעסק פון לויפיקן וואַסערל, וואָס ציט זיך, זאָגט מען, וויַיט, וויַיט און פאַלט אַריַין אין סאַן — האָט ביַי אים דעם חשק אַריַינ־צוגיין מיטן זיידן אין באָד אַריַין אָפּגענומען. אַראָפּוואַרפן פון זיך די הייזלעך, ס׳לײַבצודעקל און אַריַין אין וואַסער. האָט אים דער זיידע אָבער שטאַרק ביַים הענטל געהאַלטן. אוודאי געוווּסט, וואָס זיַין אייניקל טראַכט.

אָנעם לײַבצודעקל און אָן אַ קעפּעלע — האָט דער בעדער נישט אַריַינגעלאָזט. אַ טונקלעניש אינעווייניק, ווי אין אַ קעלער. שוואַרצע שטיינער אין אָן אויוון. מ׳גיסט שעפלעך וואַסער. ס׳זעצט אַרויס אַ פּאַרע. לאַנגע צעמענטענע בענק, טרעפּ נאַסע, גליטשיקע, פון וואַנט צו וואַנט. מ׳שמיַיסט זיך מיט בעזעמלעך. וואָס העכער אויף די טרעפּ — אַלץ הייסער, דושנער, קוים דעם אָטעם צו כאַפּן. מ׳שמיַיסט און מ׳קרעכצט פון פאַרגעניגן.

אַרויס פון באָד — זעצט מען זיך אָפּרוען אויפן גראָז איבערן ראָוו. אויף פּלייצעס, נאַקנס — פאַרוואַרפן העמדער, לײַבלעך, האַנטעכער, כאַלאַטן. אַ פּאַרע גייט אויף פון די צעהיצטע לײַבער, פאַררייטלטע, פאַרשוויצטע פּנימער. סאַפּלעס פון באָרד און פּאות, פון געדיכטע ברעמען און נאַסע קעפּ אונטער יאַרמלקעס, קאַשקעטן, ליצעפּעטן.

אַ בחורל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, פּלעגט ער אין די פריַיע שעהען, אין די שבתים, זיך צוכאַפּן אַהין. ס׳באָדגעסל פּוסטעוועט. אַ פאַרחושכטע געביַידע — די באָד. דאָס איינציקע פענצטער — פאַרהאַקט מיט ברעטער. פון איין זיַיט אַ ברייטער, גרינער לאַנקע־שפּרייט. פון דער צווייטער — ס׳טיַיכעלע. צוויי אַלטע ליפּעס וואַרפן אַ ברייטן שאָטן. אויך די צוויי פערד פון מענדל קאָזשל דעם

באַלעגאָגע, וואָס פלעגן זיך דאָרט אין די שבתים פּאַשען, שפּרינגען מיט די צוויי פאָדערשטע, געפּענטעטע פיס — זעט מען נישט.

ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך ס'אָנטאָן און שפּרינגט אַרײַן אין טײַכל צו וועלכן ער האָט אַזוי געבענקט. קוקט אויף די צוויי אַלטע ליפּעס פון אַנטקעגן — נעסטן פון פייגל און ווילדע טויבן. איטלעכס מאָל טוט זיך אַ טשאַטע אַ הייב אַרויס פון געדיכטן געצווײַג מיט בהלהדיקן פליגלפּאָך: קרײַזן אַרום די ביימער און זעצן זיך צוריק אַוועק.

פרילינג, אין די חדשים אדר, אייר שײַנען זיי אַרויס פון די בלעטערקרוינען, די ווײַסע טויבן, ווי צעבליטע אַקאַציע.

אָפּט דערטראָגט זיך אַ גאָענט סאָפּעניש פון אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ פײַף. יאָגט פאַרבײַ און ווערט נעלם. ווײַט הינטער דעם פעלדער־געשפּרייט: פויערישע כאַטעס, פאָלוואַרקעס. דער אָפּגעלאָפענער צוג לאָזט נאָך זיך רויכקנײַקעלער. זיי בלײַבן הענגען אין דער בלויער לופטיקייט. אַ פּלוצעמדיקע שטילקייט. אַ ליידיקייט. געפּליעסק פון טײַכעלע און די ליידיקע לאָנקעס וועקן אַ בענקשאַפט, אַ פאַר־באַרגענע נאָגעניש צו מרחקים, צו גרויסע שטעט.

ער פאָרט קיין וואַרשע.

האַלט זיך אויף בײַ אַ פעטער, דעם טאַטנס אַ ברודער — אַ געוועזענער שנײַדער־לאַטוטניק, אין וואַרשע — אַ קירזשנער. איין גרויסע שטוב. צוויי בעטן, אַ טיש. אַ „זינגער"־מאַשין. אַ פּרויען־ביוסט. פּאַקעס, קאַראַקולן, פוקסענע קאָלנערס — אָנגעוואָרפענע און צעהאָנגענע. די ערשטע עטלעכע חדשים — בײַם פעטער אויף דער לער.

עקסטערניסט אויף בוי־אינזשעניר — האָט ער דאָ אין צושנײַדן פּאַלעס, קאָלנער־קלאַפּעס, אין די גלײַכע נעט פון באַהעפטן פּאָלע צו פּאָלע, די גראָדע ליניעס פון די פּאָלעס, די סימעטריע אין די אַקסלען און אויסגערונדיקטע אַרבל־אָריעמס געפונען. בעת צונויפסטריגעווען אַ פוטער, אַ פרויען־מאַנטל: די שערעלער, מעסערלער, צירקלען,

ווירעס — האָבן מיט עפּעס וואָס דערמאָנט אין פּאַך — בוי־אינזשעניר — וואָס ער קלײַבט זיך לערנען אין אוניווערסיטעט.

אַ שטיקל צײַט געווען אַ רענצל־אונטעטראָגער בײַ אַן אַגענט פון אַ טיי־געזעלשאַפט. די באַלעבאַטים — פּיפּיקע סוחרים, ייִדיש־נגידיש געקליידט. עטלעכע אַגענטן האָבן זיך דאָרט געדרייט. געוויקסיקע, שיינע, שטאַרקע יונגען. שקצישע פּנימער. הפקר־הענט, קוים האָט אַ שגץ זיך פאַרוואָלט מיט זיי אַ טשעפּע טאָן: לאַנגע פיס און — אַ געשליפן צינגל, קולטיווירט און פרעך.

ווי „אייגענע" זיך געדרייט אין די קריסטלעכע גאַסן. אַנגעקומען אין די רײַכסטע ביוראָען, געשעפטן, שטובן, אויך פון הויכע מי־ליטער־לײַט, געוויינטלעך אין די שעהען, ווען די פרויען און די דינסטן זענען אין שטוב. מיט שקצישער דרײַסטקייט אַרײַן אין הייף, דירות מיט גלעקלעך, סטרוזשן, הינט בײַ די טירלעך און טויערן. אַפילו אין די קיכן און שלאָפצימערן זיך אַרײַנבאַקומען.

זײַן אַגענט — אַ רײַך זינדל, וואָס האָט אַוודאי קיין גרויסן חשק נישט געהאַט צו זיצן אויף דער שולבאַנק. מיד געמאַכט דעם טאַטן פון צאָלן אים פאַר מאַכן די לעקציעס, אָפּקויפן די לערערס, פּראָפעסאָרן פאַר גוטע סטאָפּניעס און — מאַטורע.

אַליין, אויך מסתמא, מיד פון מאַריך זײַן די „גאָלדענע יוגנט" ביז דער עלטער, ווען אויך גאָרנישט טאָן ווערט אַ לאַסט: הייבט אָן וועקן אומהיימלעכע געדאַנקען: אַן עלטער, ווען אַ גלאַט ראַזירט פּנים, עלעגאַנטע קליידונג האַלט אויף אין די אייגענע און פרעמדע אויגן — דער עיקר בײַם שיינעם מין — די אילוזיע פון יונגער מענלעכקייט.

אויך יונגע עלטער ווערט איבערגעוואַקסן.

דאָס גאַנצע עסק, „טיי־געזעלשאַפט מיט באַגרענעצטער פאַראַנט־וואָרטלעכקייט", איז געווען — סוד. פון די טאָוולענע רענצלער, איבערגעצויגענע מיט ביליקער, קאָליריקער צעראַטע — האָט מיט גרויסע אותיות אַראָפּגעשריגן „זאַ פּול דאַרמאָ", האַלב אומזיסט. דער „האַלב" — מיט קלייניקער, קוים באַמערקעוודיקער שריפט,

דער „אומזיסט״ — מיט קידוש־לבנה־אותיות. אינעווייניק זענען געלעגן דרײַ פּושקעס טיי. האַלב־פּולע פּושקעס פון געניקלטן בלעך און אַן אָפּגעזילבערט לעפעלע — אַ צולאָג.

די דאָזיקע „סחורה״, וואָס ס׳איינציקע ווערטיקע איז דער שטאַרק שמעקעדיקער ריח — איז גוט רעקלאַמירט און גאַר גוט פאַרקויפט געוואָרן. דער „דאַרמאַ״ האָט געריסן די אויגן פון די קונים — ס׳רוב דאַמען און דינסטן פון די רײַכע הײַזער, ווילעס: געצאָלט אויף ראַטעס און — געפעפערטע פּרײַזן.

נישט איין מאָל האָט ער אַרײַנדערלאַנגט דעם אַגענט אַ רענצל דורך אַ פענצטער פון שלאָפּצימער. אַ ביסעלע לענגער זיך געזוימט און אַרויס אַ צעפּלאָמטער, אַ צעיאָכמעטער. אויפן וועג דערציילט מעשיות פון נקבות, באַרדעלן, סעקסועלע סצענעס. זיי האָבן אים געררייצט און געעקלט.

זײַן וואַרשע. געוווינט אויף דער „שמאַלער מילע״. צוועלף זלאָטעס אַ חודש פאַר אַ האַלב בעט. דער שותּף צו דער צווייטער העלפט — אַ מעבל־סטאָלער. שפּעט בײַ נאַכט איז יענער אַהיימגע־קומען פון דער אַרבעט. אַן אומגעוואַשענער אַרײַן אין בעט. ס׳האָט פון אים געשלאָגן אַ ריח פון פּאַליטור און געקאָכטן לאָם. אַ טבע האָט ער געהאַט — רעדן פון שלאָף און מאַכן מיט די הענט, אַ שטייגער ער הובלט אַ סענקעוואַטע ברעט. ס׳מאַכן מיט די הענט מיט געל־געפלעקטע נעגל — האָט אים אַ סך מאָל פאַרשטויסן אין אַ ווינקל פון האַלבן בעט. לאַנג האָט דער שותּפות נישט אָנגעהאַלטן. די באַלעבאָסטע, אַן אַלמנה מיט זעקס קינדער, האָט ביידע עקסמיסירט פאַר נישט צאָלן צו דער צײַט „שכר־דירה״.

הונגעריקע אָוונטן, מיטאָגן אין ביליקע רעסטאָראַנען אויף זאַמענהאָף, סמאָטשע. אַ מאָל אין אַ פרײַער שעה, אָוונט צו, פאַרבײַגעשפּאַצירט פאַרהאַנגענע טירן און פענצטער פון פאַר־ווײַלונגס־ערטער. אַרײַנגעאָטעמט ריחות פון פּיקאַנטע עסנס, שאַרפע געטראַנקען, פאַרפומען זיסלעך־פּרוויִשע און מענערישע, האַרבע.

עס האָט געלאָקט, גערייצט.

געזען דערין אַ סך אמת, וואָס ער האָט ס'לעצטע האַלבע יאָר פאַרן פאַרן קיין וואַרשע זיך אָנגעהערט אין די „לינקע קרײַזלער": אַ פֿײַערדיקע יוגנט. יאַטן, יאַטיכעס מיט שפּיציקע בוזימלער. ווי שפּראָצנדיקע הערנעלער. בעקעלער, ליפּן — צערייטלטע עפּעלער. אַ טויזיקע מראה באַדעקט זיי. אַ וויש און אַ קוש און אַ ביס.

אַ דרײַסטע חברה. אַן אָפּנהאַרציקייט. מיט לײַכטקייט פֿון צעפּרילינגטע ביימלער, וואָס שיילן אויס פֿון זיך אַ נײַע קאָרע — האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די „אַלטע באַגריפֿן", בירגערלעכע פאַראורטיילן. גערעדט פֿון „פרײַער ליבע". פֿון „דרײַ פּאָר זײַדענע זאָקן" פֿון קאָלאָנטײַ. פֿון לאַוורעניעווס „דער איינאונפערציקסטער". מיט דער זעלבער היץ געלערנט באַגדאַנאָווס, צי זאַקס' „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", מאַרקס' „קאַפּיטאַל", נהנה געווען פֿון מעטערלינגס „בלויער פויגל".

זײַן היים ביז ער איז אַרויס אויפֿן זיידנס וויכאָוואַניע?

אַ מעשׂה מיט אַ קורטקע; ער און ס'ייִנגערע ברודערל — געצל — האָבן בשותּפֿות געהאַט איין פּעלצל. אויפֿגעזוכט אַן אַלטן קאַזשוך מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן וויערך. עטלעכע יאָר האָט דער טאַטע געטראָגן דאָס „פוטער". נאָך דעם האָט מען עס איבער־געניצעוועט, געמאַכט דערפֿון אַ קורטקע. פּאָר צוויי — פּאָר אים און געצלען, ביידע כּמעט אין איין עלטער (גערוקט מיט אַ יאָר) און אין איין גרייס. דער טאַטע האָט געפּסקנט: ביידע וועלן טראָגן דאָס פּעלצל, הענעכל אַ וואָך און געצעלע אַ וואָך.

האָט נישט איין מאָל געטראָפֿן, אַז איינער איז קראַנק געוואָרן, זיך פֿאַרקילט און נישט אַרויס פֿון שטוב — האָט דעם צווייטן אָפּגעגליקט... געטראָגן ס'פּעלצל די גאַנצע צײַט.

דעם לעצטןווינטער. פֿרעסט. שנייען. אַ פּאַרגליווערטע ווײַסקייט סקריפּעט אונטער די פֿיס. קיין זון זעט מען נישט. ערשט צווישן צוועלף און איינס אַ זייגער — האָט אַ זוניק אויג אַדורכגעשפּיזט

אַ שנייוואַלקן און פאַרשוווּנדן. די זילבערנע פּוכיקייט האָט אַרויס־געגעבן פון זיך אַ קאַלטן, בלענדיקן גלאַנץ.

פונעם שותּפות איז געצל אַרויס אַ גליקלעכער אויף אַ גאַנצן ווינטער מחמת ער, הענעכל, האָט מיט אַ מאָל געטאָן אַ שאָס אַרויף — דאַר און הויך. אַ שלאַנק יינגל מיט לאַנגע הענט. די אַרבל פון דער קורטקע האָבן געסטירעט ביז די עלנבויגנס.

די מאַמע האָט אונטערגעקרענקט. זינט ער געדענקט זי — זיך געדאָקטערט. צום איינציקן דאָקטער גאַנטשאַנסקי איז שווער געווען אָנצוקומען. אַ געשמדטער ייִד. אַ בייזער. געבלאָזן פון זיך. געקוקט אויף אַ ייִד פון אויבן אַראָפּ. האָט מען אים געפּרעגט „וויפל" — איז ער נאָך בייזער געוואָרן, אויסגעשטעלט די האַנט און געהייסן ציילן: „צייל אַזוי לאַנג ביז כ'על זאָגן ,גענוג׳". איין מאָל איז זי געווען בײַ אים און אַרויס מיט אַ ווינטשעוואַניע:

— אײַער גאָט זאָל אײַך צושיקן רײַכע פּריצים.

האָט זי זיך געהיילט בײַם פעלדשער משה פּיטשקע. אַן איבער־געוואַקסענער ייִד מיט אַ לענגלעכן קאָפּ און הויכן שטערן. ברוין־בלויע באַקן און אַ קאָזעבערדל, וואָס ער האָט שטענדיק געצופּט. געצופּט און אָוועקגעבלאָזן די האָר.

צוויי פאַכן האָט ער געהאַט: אַ פריזיער און אַ פעלדשער. געשוירן און געהיילט בײַ אים האָבן זיך אָרעמע פּויערים און ייִדן. האָט אַ מאָל פאַרבלאָנדזשעט צו אים אַ יונגער פּאַצעט, איז ער אַרויס פון אונטער זײַן שער אַ קרימינאַלניק: איין העלפט קאָפּ אָפּגעגאָלט, די צווייטע העלפט — מיט סימנים פון אַ פריזור...

דאָס גלײַכן — מיט זײַנע רפואות.

געקומען צו אַ חולה, האָט ער אים קודם אַ טאַפּ געטאָן דעם פּולס. נאָך דעם גענומען אויספרעגן:

— אַז דו דעקסט זיך צו מיטן איבערבעט איז דיר הייס?

— יאָ.

— אַז דו דעקסט זיך אָפּ איז דיר קאַלט?

— יאָ.

— אַז דו קוקסט אַראָפּ פון אַ באַרג פּאַרדרייט זיך דיר דער קאָפּ?

— יאָ.

— נו, דאָס איז עס.

— וואָס איז עס, פּאַניע פעלדשער?

— מ׳דאַרף האַקן באַנקעס אָדער שטעלן פּיאַווקעס.

— און דאָס וועט העלפן?

— גאָט וועט העלפן.

אַלע האָבן פון דעסטוועגן אים ליב געהאַט. אַן אייגענער מענטש. נישט קאַרג אויף אַ וואָרט און וויפל מ׳לייגט אים אַרײַן אין האַנט — נעמט ער.

אַ מאָל העלפן באַנקעס אויך. אַ מאָל — פּיאַווקעס. און אַז נישט — אויך גאַנטשאַנסקיס דעם געשמדטן יידס רעצעפּטן העלפן נישט תּמיד. משה פּיטשקע מאַכט אויך אַ קאַנע. — עפּנט אַ טשעריק מיט זײַן פּריזיערסקע בריטוועלע, אַ מאָל — מיט אַ שמירעכץ.

געווען בײַ אים אַ פּאַציענט, אַ קלוגער פּויער — האָט ער דערציילט — פּלעגט ער זיך וויצלען: יידן, מאַכט ער, זענען אַן אומשטערבלעך פֿאָלק. אַ ראיה: זיי עסן טשאָלנט אום שבת, וואָס בלײַבט אין מאָגן ביז מיטוואָך און ווערן נישט קראַנק. אומשטערבלעך די זשידעס.

דער מאַמען האָט ער ווייניק געהאָלפן. זי האָט געליטן פון אַ לעבער־געשוויר. אַנטיביאָטיק האָט מען באַדאַרפט. דעם רעצעפּט איז שווער געווען צו קריגן. געלט אויף אַ וויזיט בײַם קרײַזדאָקטאָר אין לובלין — געניך — איז אויך נישט געווען. איין מאָל איז דער טאַטע מיט איר צו אים געפאָרן. באַצאָלט אַפּותיקא. קיין גרויסע האָפענונג האָט דאָקטאָר געניך נישט געגעבן.

קאַפּיטל ה

פּוילן אויף דער שוועל פון דריטן צענדליק. נישט ער און נישט סאָניע האָבן געאָנט, אַז דער „גאָלדענער האַרבסט" וועט פאַרצוינען דעם הימל מיט שווערע וואָלקנס. פּוילן — אַ „שיף" אויפן „רויקן" וואַסער בשעת אונטער דער אייבערפלאַך צאַרנט באַהאַלטענער שטורעם. עסטרייך אָקופּירט. מעמעל — אַ טייל פון „דריטן רייך". „פּלעביסציט" אין דאַנציגער קאָרידאָר. פּוילן „גייט" אויף זאַאָלזשע. צוויי יאָר נאָך דער חתונה. ווייט פון די אָרעמע גאַסן און געסלעך, וואָס קוקן מיט אומרו און דאגה דעם היינט אין די אויגן. ציטערן איבערן נאָענטסטן מאָרגן.

ווייט פון יענע קרייזן, ווו יונגע און עלטערע מנהיגים, אַרויס־געוואַקסענע פון דער האַרעפּאַשנער מאַסע, ווי געניטע שלאַכטלייט דערשפּירן דעם ריח פון מלחמה איידער זיי דערנענטערן זיך צום אָרט פון געפאַר.

מחשבות. זכרונות. אַט ערשט מיט דריי, פיר יאָר צוריק איז עס געוועזן.

פאַרן שליסן ס׳ביוראָ — בּלעגט זיך סאָניע אַריינכאַפּן, צוזעצן נאָענט פון אים. זי האָט ליב געהאַט ס׳פּלעמל אין זיינע אויגן בעתן דערקלערן איר ס׳פּלאַנירן פון אַ פיר־פינף־שטאָקיק הויז מיט הינטערשטע און פאָראַדנע אַריינגענג, ווינדע, ווינעצקע פענצטער.

זי קוקט אויף די שמאָלע, לענגלעכע פינגער באַוואָקסענע פון די וואָרצלען, ביז דעם אויסבויג, מיט דינינקע, שוואַרצע הערעלעך, אומגעלייגטע, ווי זאַנגען וואָס אַ ווינטל איז איבער זיי אַריבער. שיינע, ראַסאָווע הענט פון אַ מאַן. אַט לויפן זיי איבער טאָוולען אויפן צייכנברעט, ווי איבער קלאַווישן. איר צו ליב טאָן — כאַפּט

ער אַ מאָל, זיצנדיק בײַם טיש אין סאַלאָן — אַ פּאַפּיר־סערוועטקע און נעמט אָנוואַרפן ליניעס, ווינקלען, באַלכסון־ליניעס, האַלבע רונדן צו געדרייטע טרעפּ — אונטערשטע און פּאָדערשטע — און ס׳שטייט פאַר דיר אַ פיר־פינף־שטאָקיקער סקעלעט־בנין מיט באַל־קאָנען, גזימסן, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

אַזוי גוט אין מאַטעמאַטיק, אַלגעברע — שמייכלט זי צו אים — אירע שוואַכסטע צוויי קעגנשטאַנדן: די קלענסטע סטאַפּניעס — אין גימנאַזיע און אין אוניווערסיטעט.

ער מישט די בלעטער פון זײַן ביזאיצטיק לעבן. ווי צו־געקלעפּטע, צוגעוואַקסענע זענען די בלעטער. ער וויקלט זיי אָפּ, ווי מען וויקלט אָפּ באַנדאַזשן פון אַ וווּנד.

נישטאָ דער טאָג ער זאָל נישט זען סאָניען און שימעלען — אין חלום אָדער אין דמיון. פאַרמאַכט ער די אויגן — זעט זי אים אויס יינגער, מונטערער, סאָניע. ס׳קינד — גרעסער. לויפט אום אין די שטובן. אויך ער לעבן איר פילט זיך יינגער, מונטערער, ער הערט אירע איידעלע טריט אין שטוב, אָוונט צו, ווען ער קומט פון ביוראָ. איר פאַרען זיך אין קיך, ס׳צוגרייטן נאַכטעסן, אַ גלאָז טיי מיט לימענע, וואָס ער האָט ליב — אָן איבערבלײַב פון דער היים בײַם זײַדן. ס׳שטילע רוישן פון איר קלייד הערט ער בעתן שפּאַצירן אין גאַס.

אויך דאָ זוכט ער צווישן די פאַרבײַגייענדיקע — אויף וויפל זיי זענען דאָ פאַראַן — איר געשטאַלט, אָדער איינע אַן ענלעכע צו איר. אומעטום גייט זי אים נאָך, שטייט אים בײַ טאָג און בײַ נאַכט פאַר די אויגן.

✶

האַלינאָ זעט, אַז זײַן פּנים איז נישט ווי נעכטן, אייערנעכטן. רויטע ליאַמעווקעס אַרום די אויגן. די באַקן אײַנגעפאַלן. זינט זי האָט אים נענטער דערקענט — פאַרשטייט זי זײַן שווײַגן: אין צוק

פון זײַנע ליפּן, אין מווילגרימאָס — וואָס אינעווייניק בײַ אים טוט זיך.

אין די אָוונטן קומט זי צו גיין. אָן אָן אויסרייד קומט זי, סתם אַזוי, ווי צו אַ „פרײַנד", „אַ נאָענטן מענטש".

— מאַכן דיר אַ גלעזל טיי?

— מ'דאַרף נישט.

— פון ווען אָן זאָגסטו זיך אָפּ פון אַ גלעזל טיי?

— פון אַצינד...

— ביסט מיד. אפשר ווילסטו זיך צולייגן, גיי איך?

ער שווײַגט. זיצט אויפן ראַנד פון בעטל. זי — קעגן אים אויף אַ טאַבורעט.

ער טוט אַ זאָר, וואָס ער טאָר נישט טאָן — טראַכט בעניק אין די רגעס. ער דאַרף נישט הערן אירע אָנבאָטן, אירע רייד: זיסע ריידעלעך — אַ לעקעכל מיט סם. אַ היסח־הדעת, אַ גניבת־הדעת. אירע רייד, אַפילו דאָס אַרײַנקומען דאָ — מאַכט מבולבל.

זײַן לעבן געהער נישט צו אים. ער איז עס שולדיק זײַן ווײַב און זײַן קינד. אין אים איז געווענדט איר קומען דאָ אַהער. זי, ס'מיידל, טוט לויטן באַפעל פון איר האַרץ, לויטן רוף פון איר בלוט. — און ער? — ער שטייט מיט איין פוס אין אַ געמויזעכץ. וויל אים אַרויסשלעפּן — און בלײַבט שטעקן מיטן צווייטן... ער, סאָניעס מאַן, שימעלעס טאַטע.

אַ טאַטע און אַ מאַן ביסטו פאַר מיר — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט, האַלינאַ.

— און דו ביסט פאַר מיר אַ מיידל־קינד.

— אַ פלאַטערל בין איך, וואָס ציט צום ליכט.

— אָווא, ווי שיין דו האָסט עס געזאָגט.

— זיך אויסגעלערנט... געפונען דאָס וואָס מיר פעלט.

איז ער פאַר איר „דאָס וואָס איר פעלט"? „תמיד זוכט מען בײַ יענעם דאָס וואָס אַליין האָט מען נישט"? אָ, — האָט ער זיך

אַ פּאַטש געטאָן אין שטערן. ווי קאָן אַזאַ געדאַנק אין זײַן קאָפּ זיך מיעשטשען? האָט ער דאָך דאָס זעלבע געפיל געהאַט בעתן פּאַרליאַפּען זיך אין סאָניען. סאַראַ פּאַרגלײַך?... סאָניע — זײַן איינציק־איינמאָליקע ליבשאַפט: צוויי מענטשן, וואָס איינער פאַרן צווייטן איז געבאָרן געוואָרן. איין גוף־און־נשמה. אַן אומצערײַס־לעכער בונד וואָס בינדט אים צו דעם מיידל־קינד?

קאַפּיטל ו

אָוונט. הינטער אַ שיטער וואַלקנדל שווימט אַ קלאָרע לבנה. אויף אַן אומגעוואַלגערטן בוים, דרויסנדיק פון שטוב, זיצן ביידע.

— ווי לאַנג מיינסטו, בענגיק, וועט דויערן די מלחמה?

— זי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

— און טאָמער וועט מען דיך רופן?

— וועל איך גיין. פרײַוויליק וועל איך גיין.

— אַ סאָוועטישער פּאַטריאָט?

— נקמה, נקמה פאַר מײַן ווײַב און קינד.

אַ לאַנג שווײַגן.

— און מיר דאָ איבערלאָזן? האָב איך נאָר וועמען חוץ דיר?

— און איך וועמען האָב?

— מיר.

— רעד נישט אַזוי, האַלינאַ!

— דאַרפסט זיך נישט בייזערן.

— בייזערן?

— פאַר וואָס זשע רעדסטו אַזוי צו מיר?

— פאַר גאָרנישט. נישט די צײַט אַצינד, נישט דאָס אָרט.

— ליבע ווייסט נישט פון קיין צײַט און אָרט.

— שווײַג!

ביידע שווײַגן. אַ דראָשטש איז איבער האַלינאַס רוקנביין אַריבער. נישט פון דער קילער לבנה־שײַן איבער ביידנס קעפּ און נישט פון אָוונטווינטל, וואָס האָט פון דער וואַלגע אַ יאָג געטאָן. געקומען איז עס פון אַן אָופּציטער — זיך בײַטנדיק מינוטנווײַז — פון קעלט און היץ: געטריבן מיטן בלוטשטראָם אַרויף, אַרויף ביז די שלייפן און האַרוואָרצלען אויפן קאָפּ.

און כעניק האָט אין דער לבנה־שײַן באַמערקט דעם קאַלירן־טויש אויף איר פּנים, וואָס איז פּלוצעם פאַרשאָטנט געוואָרן און אין אירע אויגן — די צעצונדענע פײַערלעך.

ער האָט אויך געשפּירט ס׳פּולסירן פון כּוח־הדם אין אַלע זײַנע אבֿרים און אין די אָדערן, ווי ס׳זידן פון וואַסער איידער דעם אויפקאָכן. — —

אַקוראַט אין די רגעס האָט, ווי פון אַ גוטן מלאך געשיקט, אין דער בלויער לופטיקייט, ווי אַ טויב, אַ פלאַטער געטאָן פאַר זײַנע אויגן ס׳געשטאַלט פון סאָניען מיטן קינד אויף די הענט.

ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון האַלינען. מיט אָנגעשפּיצטע אויערן זיך אײַנהערן געוואָלט אין פליגלפאַר און מיט די בליקן אויסוויקלען ס׳געשטאַלט.

אַ גרויסן חסד האָט זי צו אים געטאָן מיטן באַווײַזן זיך איצט, ווי ער גופא וואָלט פליגל באַקומען. אַט־אַטיק טוט ער זיך אַ הייב, ווי פון אַ פינצטערן תּהום אַרויס.

אַ ליכטיקע מחשבה, ווי אַ שטערן וואָס טוט זיך בליציק אַ טראָג פאַרבײַ פון איין עק הימל צום צווייטן — האָט אַ קריץ געטאָן אין זײַן מוח:

— פון דערהויבונג ביז געפאַלנקייט איז אַ קליינער שפּרונג...

און ער האָט צו זיך געזאָגט:

„אין איין שעה קען אַ מענטש געווינען זײַן וועלט און ער קען זי אין איין שעה פאַרלירן. איין מאָל האָט ער זײַן וועלט פאַרלוירן... געווינען קען ער נאָר מיט זײַן טויט. כּדי וואָלט ער זיך אונטער די רעדער געוואָרפן. מכפּר זײַן מיט זײַן טויט אויף די באַגאַנגענע זינד — אויך אויסמײַדן קומענדיקע... פרישע נסיונות״.

— כעניוש, קאָכאַני — האָט האַלינאַ מיט אַ מאָל איבערגעריסן ס׳שווײַגעניש — געהערט די קאַלכאָזניצעס אויפן קאַרטאָפל־פעלד רעדן צווישן זיך:

„די גערמאַנצעס וועלן דאָ אַרײַן אַ ליאַדע טאָג, זאָגט מען״.

„פּוסקײַ פרידוט, זאָלן זיי קומען״.

„אונדזערע טשעפּען זיי נישט".
די יעוורעיען, די יידן, מאַכן זיי דעם טויט".
„מ'נעמט צו זייער האָב־און־גוטס".
„פון די שטובן שלעפּט מען זיי".

„מאַכן זיי דעם טויט. מ'נעמט צו זייער האָב־און־גוטס. פון די שטובן שלעפּט מען זיי נאָ פּאַגיב — אויפן טויט. דאָ, ווי נאָר זיי קומען אַריַין — אויס קאַלבאַזין. מ'עט צוריקגעבן, זאָגט מען, יעדן פויער זיַין שטיק פעלד, פערד און וועגעלע. האַ? סקאַזשי, זאָג, וואָס איז אַ פויער אָן פערד און וועגעלע? אָן אַ שטיקל פעלד? אַ ביסל גרינס לאָזן וואַקסן אין אָן אייגענעם גאָרטן. אַן עוף, אַן איי, מילך פון אַ קאָזע, אַ קו. אַ חזירל אויף ראָזשדעסטוואָ, נייַ־יאָר. אָט־אָט דאַרף מען אַ יאָלקע גרייטן. אין די זונטיקס, אין די חגאות — אין צערקווע גיין. גאַנץ ביעלאָרוסיע, אַ סך שטעט אין אוקראַיִנע — אין זייערע הענט — הערט מען דערציילן".

אַזוי פיל פּאַרווונדעטע, קאַליקעס קומען צוריק פון די פראָנטן. און וויפל קומען נישט צוריק? — איוואַן דער סקלאַדאַוושטשיק — צוריקגעקומען אָן אַ פוס. אַקסיניע, זיַין וויַיב מיטן טעכטערל קאַטיאַ — דאָ אויפן קאַרטאָפל־פעלד. ער — תמיד אין דרויסן לעבן דער כאַטע מיט דער גאַרמאָשקע. יעדן אָוונט הערט מען אים שפּילן. שיין, טרויעריק־שיין שפּילט ער, איוואַניוק.

„און זי האָט נישט מיט וועמען אַ וואָרט איבערצוריידן". „ליבע ווייסט נישט פון קיין ציַיט און אָרט" — האָט זי יאָ וועמען צו זאָגן. זאָל ער וויסן, אַז זי מיינט עס ערנסט, זי האָט אים ליב. אין יעדן מענטש, אין אַ ווינקל פון זיַין נשמה, איז דאָ אַ דזשונגל... מעג ער זיך מאַכן נישט וויסן... מעג ער זיך נישט מודה זיַין... אמת, די בענקשאַפט צו וויַיב און קינד מאַכט פון אים אַ תל. אַ שאָד. ס'טוט איר וויי. פון דעסטוועגן — ווי מאָדנע די זאַך איז — טוט איר דאָך הנאה: ברענגט איר אַריַין אויך אַ ביסעלע שלווה... ערגעץ אין אַ ווינקל פון איר נשמה, אין איר „דזשונגל" — גייט אויף אַ גרינער שפּראָץ... אַ זאָפּענונג.

ווי לאַנג קאָן אַזאַ מאַן זײַן אָן פרוי? עלטער פון איר. נו, איז וואָס? (אויך דערפאַר האָט זי אים ליב). עלטער מיט אַ יאָר פופצן אָבער גענוג יונג... האַלינאַ האָט ווי פאַרגעסן, אַז זי רעדט צו זיך אַליין.

אָוונט. זי וועט הײַנט בלײַבן אין שטוב קאַראַנטער אַזוי. אַ ביסעלע ווייניקער ווײַזן זיך... „עלטער פלייש קאָכט זיך לאַנג..." — האָט אַ מאָל איר מאַמע געזאָגט.

בײַ די דאָזיקע געדאַנקען האָט אַ רויִקייט, אַן אָפּשײַן פון עפּעס אַ ניסתּרע פרייד זי אַרומגענומען. וועט זי אויפן „קליינעם פײַער" אונטערלייגן אַ העלצל... מאָרגן קומט זי אויך נישט...

אַנומלט האָט דער שייגעץ, דעם פרעדסעדאַטעלס זונדל, פאַר־בײַגייענדיק — זיך לעבן איר פאַרהאַלטן. ער האָט פרײַנדלעך געשמייכלט, מעשׂה חבר, פּשייאַטשעל...

— נו, קאַק דיעלאַ, קראַסאַוויצאַ? [25]

— ראַבאָטאַ, ראַבאָטאַ: אַרבעט. אַ סך אַ'רבעט.

זי — מיט דער קאָפּטשאַדלע, אַ לאָפּעטקע אין האַנט. ער — מיטן באַטשעווקאַלע. קוקט און שווײַגט. אַראָפּגעבויגענערהייט. זעט זי ווי כעניק לאָזט פון זיי ביידע נישט אַראָפּ די אויגן. — פאַרדראָס, קינאה — האָט זי אַרויסגעלייענט פון זײַנע בליקן. אָסור, צי ס'האָט איר געאַרט.

זונטיק — אַ וויכאָדנאָי־טאָג, אַן אָפּרוטאָג. דעם ערשטן וויכאָדנאָי, וואָס זינט חדשים איז נישט פאַרביטן געוואָרן אויף פרײַוויליקן אַרבעטסטאָג, אַ „סובאָטניק". — ער איז אַליין אין שטוב. קוקט אַרויס פון פענצטערל. פון די נאָענטע פעלדער יאָגט אָן אַ קיל ווינטל און אַ ריח פון רעשטלעך סנאָפּעס און צעשאָטענע בינטלעך זאַנגען, וואָס מ'האָט נישט אויספּיעט אַראָפּצונעמען. אַ זיסלעך־פוילער גערוך פון קאַרטאָפל־פעלד אַ „צעאַקערטס" פון פיס און הענט פון גראָבן, קלײַבן, וואַרפן אין עמערס און שלעפּן

25. נו, ווי גייט עס, שיינהייט?

צום וואָגן — קיצלט אין נאָז. שפּעטער אָוונט. פון עק דאָרף הערט זיך ס׳יאָמער־געזאַנג פון איוואַניוקס גאַרמאָשקע. דעם ערשטן טאָג פון מלחמה מאָביליזירט. אין דעם ערשטן קאָנטעראַטאַק ביי מינסק — פאַרלאָרן זיין איינדהייט. אריינגעפאַלן צו די גערמאַנצעס. אַנטלאָפן. פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַ דייטשישער קויל בעתן לויפן. אין שפּיטאָל הינטער סמאָלענסק — אַמפּוטירט דעם פוס.

האַלינאַ, ווי פון דר׳ערד אַרויסגעוואַקסן. אַ באַרכעטן קליידל טראָגט זי. אַ זשאַקעטעלע פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען. אַן איינגעטוליעטע אין זיך — האָט זי דאָס מאָל אויסגעזען קלענער, אַ קינד. אַ גרויס קינד. וואָס וויל דאָס „קינד" פון אים אין דער שפּעטער שעה?

זי איז אַריינגעקומען. צוגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון בעט. ער איז אָוועק פון פענצטער. צוגעגאַנגען צו איר.

— זעץ זיך. פאַר וואָס שטייסטו?

ער שווייגט.

— קוש מיך.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר, אַ קוש געטאָן אין שטערן.

— אַזוי קושט אַ טאַטע אַ קינד.

— וואָס דען ביסטו פאַר מיר?

— אַ געליבטע.

— הייבסט שוין ווידער אָן?

— איך מיין עס ערנסט.

— עס קלינגט ווי אין ביליקע ראָמאַנען.

זי האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול. ס׳ערשטע מאָל הערט ער זי אַזוי לאַכן.

— און דו שטייסט נאָך אַלץ? קוש מיך.

מאָדנע פרעמד און עפּעס באַקאַנטס־פאַרגעסנס — האָט דאָס געלעכטער אין אים אַרויסגערופן. אַזאַ קלינגענדיק, אָפן געלעכטער. ווען? ווו האָט ער עס געהערט? און „קוש מיך".

סאָניע. אַ זומערנאַכט. אונטער אַ בלאַסלעכן ציכטיק־קלאָרן

ליכט, וואָס פאַלט פון שטערן צעשאָטענע אויפן הימל — שפּאַצירן זיי ביידע אַזוי נאָענט־געאָרעמט איינער צום אַנדערן, אַז ביידע הערן ס'קלאַפּן פון זייערע הערצער: פילן די וואַרעמקייט פון זייערע אַקסלען, אַ שטייגער — זייער ליבע איז זיך מזווג מיט דער מילדער קלאָרקייט פון דער זומערנאַכט. ביידע חלומען דעם חלום פון דער גרויסער אָנסופיקער ליבשאַפט. אויסגעוויזן האָט זיך אים אין די רגעס, אַז מיטן צודריקן איר וואַרעמען, האַלב אַפּגעדעקטן אָרעם צו זײַנעם — דריקט ער צו איר דמיון צו זײַן פאַרחלומט האַרץ. סאָניעס ליפּן — אַ צעעפנטע מימאָזע, באַרירן לײַכט זײַנע ליפּן און זיי פּרעפּלען:

— קוש מיר.

דער דאָזיקער קוש — און נישט דער ערשטער — האָט בײַ אים נישט אַרויסגערופן קיין עראָטישן רייץ, קיין סעקסועלע מחשבות, התפעלות. פאַרקערט: אין אים האָט זיך געוועקט אַ מין עצבות, אַן אומקלאָרע, פאַרנעפּלטע, ווי אַ חלום. און אויף זיך אַליין? — אַ רחמנות, אַ צער, אַ באַדויער. אַ פּחד איז אים אין די מינוטן באַפאַלן — טאָמער געפעלט ער איר נישט? דער קוש — אַן עפּיזאָד? אַ, דעמאָלט פאַרלירט ער עפּעס טײַערס אויפן גאַנצן לעבן: מער וועט זיך אים אַזעלכעס נישט טרעפן.

ער פלעגט נאָך דעם לאַנג שווײַגן. לאָזן איר רעדן בשעת זײַנע אויגן, אַלע חושים זײַנע זענען אַרײַנגעטאָן געווען אין איר האַר־מאָנישער שיינקייט, אין איר געראָטנקייט. ער האָט געשוויגן אַן אײַנגעהאַרכטער אין די אייגענע האַרץ־מחשבות, אין ליכטיקן טרויער, וואָס האָט אים אין גאַנצן פאַרשלונגען.

ניין. נישט באַדאַרפט זי אַ קוש טאָן אין שטערן. נישט באַדאַרפט. וואָס וויל זי, דאָס מיידל־קינד אין דער שפּעטער שעה? זי האָט געוואָלט בלײַבן מיט אים.

— כ'על דיך צופירן אַהיים — האָט ער איר געזאָגט. אויפ־געהויבן זיך. צו צו דער טיר. זי — נאָך אים.

— פאַר וואָס לאָזסטו זיך נישט ליב האָבן?

בעניק האָט האַלינען געוואָלט וואָס ווייניקער זען בײַ זיך אין שטוב. אויסגעמיטן די באַגעגעניש מיט איר. האָט גראָד איר נישט קומען גורם געווען נאָכטראַכטעניש. — זיי האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך אַ קנויל איבערלעבונגען, דערמאָנונגען. איר פעלן האָט אָנגעפילט דאָס אָרעמע חדרל מיט אַ ליידיקייט, וואָס טרעפט אין זײַן געפילן־וועלט, אין זײַן עגאָ. עגאָ פון אַ מאַן, וואָס „לאָזט זיך נישט ליב האָבן" בעת אין דער אמתן, ערגעץ ווי אין די טיפענישן פון זײַן וועזן — באָרעט זיך די תשוקה, וויל גובר זײַן ס׳קעגנשטעלן זיך דער אָנגעבאָטענער ליבע.

אין דער אמתן איז זײַן פעוונעקייט אין דער אומליבע צו האַלינען — אַ פעלדז וואָס הענגט אויף אַ האָר...

בעניק האָט באַשײַמפערלעך אײַנגעזען אַז ס׳איז אַ סך גרינגער מיט שטום־לשון רעאַגירן אויף האַלינעס ליבע־לאַסקעס, איידער אויסבאַהאַלטן זיך פון איר, ווי אַ מײַזל אונטער אַ בעזעם, פון בענקענישן, וואָס איר ניט זײַן רופט בײַ אים אַרויס.

קאַפּיטל ז

אַ גאַנצע וואָך האָט ער האַלינען נישט געזען, נישט רעכענענדיק די שעהען אויפֿן קאַרטאָפֿל־פֿעלד — זינט דעמאָלט ווען דער שגץ האָט זיך שפּאַר־לאַנג פֿאַרהאַלטן אין שטומען איבערשמועס מיט איר. און אָט — אַ לײַכטן סטוק אין דער טיר. זי איז ווידער דאָ. זי האָט אים וואָס צו דערציילן. אייגנטלעך — זיך אַן עצה האַלטן. זי האָט געהערט, אַז אין גאָרקי בײַ דער וואָלגע געפֿינט זיך אירס אַ פֿעטער, דעם טאַטנס אַ ברודער. און זי האָט שוין פֿון לאַנג געטראַכט, נישט קיין תּכלית דאָ אין העק קלײַבן קאַרטאָפֿל. — מיר'ן דאָס איבערלאָזן פֿאַר די קאַלכאָזניצעס, פֿאַרן פּרעדסעדאַטעל און זײַנע באַריכטן, אַז אַלץ איז דאָ אין אָרדענונג. „ס'בוך איז אָפֿן און די האַנט — שרײַבט". און דער שגץ? — זאָל ער דאָ אַרודעווען מיט זײַנע מענטשן. נישט פֿאַר אונדז דאָ.

„מיר'ן דאָס איבערלאָזן", „נישט פֿאַר אונדז דאָ" — דאָס לשון רבים, האַלינעס, איז אים שוין גאָר נישט צום האַרצן. ער שווײַגט און זי רעדט:

זי וויל פֿאָרן קיין גאָרקי. מיטן פּאַראַכאָד ט'מען פֿאָרן. זי וועט אַליין זיך נישט לאָזן אין אַזאַ וועג. — —

— איז עס אַ באַשלוס, צי ווילסטו זיך מיט מיר אַן עצה האַלטן?

— באַשלאָסן. כ'וויל זאָלסט פֿאָרן מיט מיר.

— און מיט מײַן וואָיעננע אוטשאָט?

— דער פּרעדסעדאַטעל זאָגט צו אַ קאָמאַנדיראָווקע: סט'פֿאָרן „פּאָ דיעלאָם".

— דער פּרעדסעדאַטעל?

— זײַן זונדל.

— ווען, ווי אַזוי האָסטו דאָס געמאַכט?

— אים צוגעזאָגט צוריקקומען וואָס שנעלער.

— און דאָס איז גענוג?

— זעסט דאָך.

— וואָס זע איך?

— ס'וועט זײַן אַ קאָמאַנדיראָווקע. איך פֿאָר צום פּעטער, דו — מיט מיר. לאָזן דאָ ז'עם פּרעדסעדאַטעל מיט זײַן זונדל אין „טאַטנס ווײַנגאָרטן".

— מיינסט אַזוי?

— יאָ.

— איך — נישט.

— וואָס נישט?

— ס'מאַכט זיך נישט אַזוי גרינג, ווי ס'רעדט זיך.

האַלינאַ האָט פֿון דעם איבערשמועס פֿאַרשטאַנען: ער זאָגט זיך נישט אָפּ. מ'עט פֿאָרן קיין גאַרקי.

די זאַך לייגט זיך אויפֿן שׂכל — האָט בעניק צו זיך געזאָגט. כאָטש דער „אָפּמאַך" מיטן פּרעדסעדאַטעלס זונדל — איז נאָך דערווײַל „אַ קאַטשקע אויפֿן וואַסער"... און פֿאַר וואָס זאָל ער איר דאָס טאָן? פֿאַרן פּרײַז פֿון אים משלח זײַן? „איך שטער אים דאָ?" פֿאָרט זי דאָך אויך אַרויס. באשר, זי זאָגט אים צו — „זי קומט צוריק". גלייבט ער איר? ער גלייבט ביידע נישט.

אַ סברה, אַז דאָס נאַריש-קלוגע מיידל פֿירט ביידע בײַ דער נאָז: יענעם זאָגט זי צו. — מיט אים וויל זי פֿון דאַנען אַרויספֿאָרן.

ער ווייסט: איר פּעטער אין גאָרקי איז „זוך דעם ווינט אין פֿעלד". און אַז זי וועט אויספּועלן אַ קאָמאַנדיראָווקע — איז דער בונד געשלאָסן. „ער וועט זי אַליין דאָרט נישט לאָזן, בעניק" — ס'טויג ווידער נישט.

די לעצטע נעכט מאַכט ער קיין אויג נישט צו, כאָטש די אַרבעט אויפֿן פֿעלד מוטשעט אויס. אַ מידער פֿאַלט ער אויפֿן געלעגער. דרייט זיך, ווי אין אַ לוויזיק העמד. ס'טאָטשעט אינעווייניק.

ווידער הייבט ס׳שלענגל אויף ס׳קעפל, לעקט מיטן רויטן צינגל אויפן אָרט פון דער וווּנד. — —

דרײַ מתּנות האָט די נאַטור געגעבן דעם מענטש — האָט ער ערגעץ ווו געלייענט, צי געהערט: די האָפענונג, דעם שלאָף, דאָס געלעכטער — גאָרנישט איז אים אַצינד פאַרבליבן. ער געדענקט שוין נישט ווען ער האָט געלאַכט, דער שלאָף — ווײַטער פון אים, די האָפענונג צו זען ווײַב און קינד — פאַרלאָרן.

האַלינאַ. דער ענין גאָרקי — אַ גוטער אײַנפאַל. אַ שאָד די צײַט. אַ גרויסער שאָד אויף כעניקן. אין דער פרי אויפן פעלד זעט זי די בלויע רעדער אַרום זײַנע אויגן. צוויי טיפע שניטן אויפן פנים מאַכן אים עלטער מיט צען יאָר. האָט זיך אויפגעהערט ראַזירן יעדן טאָג. יסורימדיקע, שלאָפלאָזע נעכט — האָט ער איר געזאָגט. זײַן שטאָלטנער גאַנג — אַ געבראָכענער. ווי קייטן וואָלטן אים צו דער ערד געצויגן. אַ יסורים־קייט איז זײַן לעבן. נישט דער זעלבער כעניק.

כמעט יעדן אָוונט טרעפט מען זיך. ער שווײַגט. סעקונדעסווײַז פאַלן אויף איר זײַנע בליקן. קוקן, דאַכט זיך, ווײַט איבער, אַריבער איר. אַ טיפער ווייטיק שטעקט אין זיי. אויך זי לײַדט. — אַ טבע האָט דער ווייטיק: ער קומט מיט הינטערוועגן. פאַרטרײַבט אַלע מחשבות, אַלע ווענלונגען. שטעכט זיך אַרײַן אין מוח, ווי אַ שפּיץ העלצל אונטערן נאָגל. אַ צער אויף אים, אַ צער אויף זיך.

מאָדנע, זאָגט זי צו זיך, האַלינאַ: דער צער, וואָס ווײנט אַראָפּ פון זײַן פנים, הולך — מאַכט איר פון דעסטוועגן אַ ביסל לײַכטער אויף דער נשמה. — ס׳וווּנדערט זי אַפילו נישט: דער פּחד, אַז ער קאָן געפעלן אַנדערע פרויען, מיידלעך — פאַלט אַוועק. גייט אָפּ, ווי אַ נעפּל פון אַ שויב בײַם אויפקום פון מינדסטן שטראַלעכל. דאָס באַרויִקט זי. זי טוט דאָך אַלץ צו געפינען חן אין זײַנע אויגן. זוכט ווי אַזוי זיך אַרײַנגנבענען אין זײַן האַרץ: זיך און אים דערפרייען. — זי טוישט ס׳אָנטאָן נאָך דער אַרבעט. בינדט איבער דעם „פערדשוואַנץ" פון אירע לאַנגע, שוואַרצע האָר אויף אַ

וואַליק. האַלט בײַ זיך אין טעשל אַ שפּיגעלע, אַ קעמעלע, אַ שמינקע. הײַנט ס'שטײען בלײַבן פון שגץ לעבן איר, וואָס חזרט זיך אַזוי אָפט איבער? בעניקס בליקן. בעניקס בליקן טוען איר ווײ. אָבער דאָס איז אַ ווייטיק פון הײלנאָרעלער — שטעכן און... היילן.

אין די איבעררײדן מיט בעניקן — לויבט זי זײַן אַרבעט אויפן פעלד. „דײַנע הענט, דײַנע אײדעלע פינגער — מאַכט זי — זענען דאָך צו דעם נישט געוווינט — הײַנט דײַן שנעל כאַפּן די רוסישע שפּראַך, ס'קלוגע באַגײן זיך מיט די היגע מענטשן".

ער שווײַגט. אָבער זי ווייסט — אַט די גענג אירע אַרום אים זענען אַ באַריער קעגן „שײנעם מין", וואָס זענען דאָ אָן מאַנען און בכלל נישט קײן גרויסע צניעות — מיידלעך בײַ וועמען די „בלום פון צניעות" איז שוין פון לאַנג אָפּגעריסן. — זאָל ער אין זײַן עלנטקייט דערפילן איר זאָרג פאַר אים, איר געטרײַשאַפט. זי איז די אײנציקע, נאָענטע אין זײַן לעבן.

✶

בעניק האָט באַשלאָסן — זײ פאָרן קײן גאָרקי, גלײַך נאָך דעם ווי דער פּרעדסעדאַטעל גופא, דעם שײגעצס טאַטע, האָט צוגע־זאָגט אים באַזאָרגן מיט אַ קאָמאַנדיראָווקע. ער בלײַבט נישט אין גאָרקי. נישט פאַר אים ס'הינטערלאַנד. אויך וועט ער נישט וואַרטן ביז „אַז מ'עט דאַרפן וועט מען אים רופן". עס רופן אים סאָניע און שימעלע. — נקמה. דער רויטהאָריקער רוצח — אויב ער איז נאָך דאָ — וועט ער פון זײַנע הענט אַ לעבעדיקער נישט אַרויס. ווו ער זאָל נישט זײַן וועט ער אים געפינען. פון שראַם אויף זײַן רויטן פּרצוף — מאַכן אַ צלם: אַ בלוט־צלם. שנײַדן פון אים לעבעדיקע שטיקער. איז ער נישטאָ — וועלן זײַן צען, הונדערט אַנדערע. ער האָט געדינט אין פּוילישן מיליטער. געהאַלטן אַ ביקס אין האַנט. מ'שולט דאָרט, אין גאָרקי, אויס מענטשן — האָט ער געהערט. „אָדער געהרגעט ווערן אָדער קומען אַ גערעי" — האָט

יענער זיך געקלאַפּט אין ברוסט. ניין. ער וויל נישט ווערן קיין גערעַי. נקמה וויל ער. ער מוז אים בענדיקן.

אין יאָר נײַן הונדערט זעקס און צוואַנציק, האָט אַ ייִד, אַ זייגער־מאַכער, שלום שוואַרצבאַרד, געשאָסן אויף טויט, אין מיטן גאַס, אין מיטן העלן טאָג, אין פּאַריז — אַ גענעראַל סעמיאָן פּעטליורא. אַוועקגעלייגט אים ווי אַ הונט: אַ ייִדישער זייגער־מאַכער — דעם אַטאַמאַן. ער האָט סײַ ווי זײַן פּריוואַטע מלחמה פאַרשפּילט — האָט ער צײַט. ער וועט אים אָפּזוכן. קיין אָפּצאָל פאַר אַ פרוי און קינד — איז נישטאָ. וואָס איז יאָ דאָ — נקמה.

קאַפּיטל ח

קוּיבּישעוו. אָקערשט, מיט פיר, פינף חדשים צוריק, פון דאַנען געשיקט געוואָרן אין אַ קאָלכאָז. אָן אַ בּילעט פון דאַנען אַרויס־געפאָרן. אויף צוריק — אַ קאָמאַנדיראָווקע אין קעשענע און אַ בּילעט דאַרף מען קויפן.

אין קוּיבּישעוו אויפן פּריסטאַן בּײַ דער וואָלגע — פאַרקויפט מען נישט קיין בּילעטן. כּמעט אַלע פּאַראַכאָדן, וואָס פאָרן פון סאַראַטאָוו אויף צפון — קוּיבּישעוו, קאַזאַן! — זענען פּערעפּאָל־ניעניע — איבּערגעפּולט. ער און האַלינאַ מיט וואַליזקעלעך אין די הענט, אַ האַנט־טאָרבּע, צוויי קלומיקעס, אַ פּלעצאַק.

די קאַסע־פענצטערלעך — געשלאָסן. ערשט אָצינד, מער ווי פריער, פּילט מען דאָ די מלחמה, קרוב צוויי מעת־לעת אויפן פּריסטאַן.

סוף אלול. די פרימאָרגנס — פאַרנעפּלט. טונקעלע, פײַכטע נעכט. דאָס איינציקע וואָס באַלײַכט דעם בּרעג איז דער גלאַנץ פון געוואַסער, ווי בּלעכן צעקנייטשטע פון ווינט. אַן עסעדיקע קעלט. פון אונטער וואָלקנקנוילן טאַפּלען זיך שטערן אין דער גערונצלטער פליסיקייט פון גרויסן, בּרייטן טײַך. פון צײַט צו צײַט — אַ בּליאַסק פון אַנשווימענדיקע ליכטער. אַ פּאַראַכאָד. ער לאָזט הינטער זיך אַ לאַנגן, ווײַסן שוים־סליאַד פון אויפגעשניטענעם געוואַסער. פאָרט פאַרבּײַ דעם פּריסטאַן און שטעלט זיך נישט. אַלע מיטן האַנטבּאַגאַזש און געפּעק, וואָס האָבּן אין אײַלעניש זיך געזאַמלט נאָענט פון בּרעג — אויף צוריק.

תּמיד זענען דאָ די וואָקזאַלן באַזעצט מחמת דער אומרעגו־לערער קאָמוניקאַציע און די ווײַטע שטרעקעס פון שטאָט צו שטאָט, דערפער, אַרטשאַפטן. טעג, מעת־לעתן אין וואַרטעניש. איצט, ווען

ס׳גאַנצע לאַנד איז אויפגערודערט: נאָך נישט צו זיך געקומען פון פלוצעמדיקן איבערפאַל פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטן גער־מאַניעץ — האָט די אַלטע מכה פון וואָרטענישן, שלעפן זיך מיט באַנען, שיפן, פאַראַכאַדן — דער איינציקער וואַסערוועג מיט דער וואָלגע — אַנגעריסן ביז צום פּלאַצן.

אַ ווינט יאָמערט דורך האַלב־אָפענע, לויז הענגענדיקע טירן, וואָס עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך מיט אַ טראַסק, געקלאַפּ און קוויטשענדיקן סקריפּען.

אין די נעכט שטאַרקט זיך דער ווינט און „וויינט״, ווי קעץ בײַם פּאָרן זיך.

ווידער געזעמלען זיצנדיקע, שטייענדיקע, שלאָפנדיקע אַנגעלענט אויפן געפּעק. אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פון פּריסטאַן — אַ געגיי, אַ געהיפער איבער שלאָפנדיקע — קאַלכאַזניצעס, קינדער — און האַלב־וואַכע, מערסטנס אַלטע לײַט. אַ דומפּיקער ריח פון שפּענצערס, פופײַקעס, ווינטער־מאַנטלען, קליידער, דערעס און וואַלענע שאַלן אַרויסגעשלעפּטע פון קופערטלער, פּעק בעט־געוואַנט. ריחות פון וואַליקעס און שטיוול, אַראָפּגעצויגענע פון פיס, אין אַניצעס. שוויס. מאַכאָרקע־רייבעלער פון „סיגאַרן״, ווי שקאַר־מיצלער שפּיציקע, פאַרדרייט פון צײַטונג־פּאַפּיר — פאַרעיפּושן די לופט.

אַ הוסטן, אַ דעבען, אַ שנײַצן נעז. הויך גערייד און אַן איבער־רופן זיך אויף קולי־קולות.

און נאָך אַ מאָל ליכטקײַקעלער אויפן גראָ־גרינעם וואַסער פון אויפקומענדיקן פרימאָרגן. באַלכסון צום ברעג נעמט ער. אויף ס׳נײַ אַ פריילעכער גערודער: אַן אויפשטיי און אימפּעדיקער געלויף מיט געפּעק.

פּאָר טאָג. די ווינטן — זיך אײַנגעשטילט. אויפן אויסגעקלאָרטן הימל — ווײַסע וואָלקנדלער. פון מינוט צו מינוט ווערן זיי העלער, שיטערער. אַלע אויף די פיס — צוויי־דרײַ־פּאַכיקע רייען לענג־אויס דעם ברעג, נאָענט איבערן וואַסער־שפּיגל.

יעדער וויל זײַן וואָס נענטער: וויל זײַן דער ערשטער.

אַט שטייט ער דער צוויי־שטאָקיקער געבײַ. אַ פּאַרענטש אַרום און אַרום. אַ דעק מיט אַ הוינן באַריער.

אויף גיך ווערט אַ בריקל פּאַרוואַרפן: אַ האַלצבריקל — אַ האַלבן טראָט די ברייט. אַלע מיט אַ מאָל אויף דער שמאָלער ברייט פון צעהוידעטן בריקל, וואָס בייגט זיך, בײַכלט זיך פון שווערן געגיי. אין געציילטע מינוטן — אַלע אינעווייניק.

✶

העלער טאָג. טיפּער די קנייטשן פון די צעבליאַסקעטע „בלעכן״. די כוואַליעס — אַ סטאַדע „שעפּסן״, ווי פון עמעצן געטריבן: „שעפּסן״ מיט אײַנגענורעטע קעפּ און ווייכע, וואַלענע הינטנס.

כעניק שטייט דערוויַיל אויפן דעק אָנגעלענט אין דעם באַריער. ער פילט אונטער די פיס ס'לײַבטע טראָגן זיך פון פּאַראַכאָד. וואָס ווײַטער פון ברעג — אַלץ נענטער שווימען אָן זכרונות, בילדער אַט־אַטיקע. ערשט מיט אַ וועלבע דרײַ, פיר יאָר צוריק (אַפּט קומט עס אים אויס צענדליקער יאָרן) — אויפן סטאַטעק וואַרשע. נײַנצן אַכט און דרײַסיק. גאָלדענער פּוילישער האַרבסט. מוצאי־שבת. מיטן סטאַטעק אויף דער ווײַסל. צעפינקלטע וואַסערן. אַ ים זילבער־שטערן איבערן קאָפּ. פון ביידע זײַטן ברעג — באַלויכטענע גאַסן. פיר־פינף־שטאָקיקע הײַזער. ליכטיקע פענצטער. רעקלאַמעס. אויך די ייִדישע געגנט פון דער נײַ־אויפגעבויטער פּראַגע — לײַכט מוצאי־שבתדיק. עטלעכע צענדליק בחורים און מיידלעך. אַ וויטשעטשקע, עקסקורסיע. מוזיק, טענץ, גרינע בענקשאַפט פון ביידע זײַטן וואַסערוועג.

פון דער רעזידענץ צו דער פּעריפעריע — שטעטלעך, אָרטשאַפטן פּאַזע דער ווײַסל.

הויכע געלעכטערס. זאָרגלאָזע פריילעכקייט. יונגע רייד, שעפּטשערײַען איבער אַלטן געפּליעסק פון קילע וואַסערן.

ער און סאָניע האַלטן זיך בײַ די הענט. קינדער. גרויסע קינדער — אָקערשט אַרויס אויף „אייגענע קעסט״, געפּײַערט די

חתונה. דאָס ביוראָ אויף לעשנאָ, נישט ווײַט פון זײַן פיר־צימערדיקער ווױנונג, וואַרשע. נישט „זײַן וואַרשע" פון דער „שמאָלער מילע" — ס'פערטל אָרעמע גאַסן: ניסקי, סטאַווקי, סמאָטשע. לעשנאָ נומער זעקס — ווינקלדיק צו פּשעיאַזד ווינען זיי. מאַרמאָרנע טרעפּ. ווינדע. ווינעצקע פענצטער. ליכט, לופט פון אַלע פיר זײַטן.

געפלאַנט אַ צוויי־וואָכיקן אָפּרו אין טשעכאָטשינעק — צופוסנס פון די קאַרפּאַטן.

עס שאַרײַעט אויף טאָג. מידע פון אַ האַלבער נאַכט — קערט מען זיך צוריק. מע זיצט לענג־אויס די אײַזערנע באַריערן. אַ בלויער, פּוילישער יונג־האַרבסטיקער הימל שפּיגלט זיך אין די ווײַסל־וואַסערן. פאַרליבטע פינגער פלעכטן זיך, פלאָנטערן זיך, ווי די צווײַגן פון די אַלטעביימער בײַ די זײַטן ברעג.

אַלטע פּוילישע ביימער, ווי אײַנגעהערטע אין די פליסטערײַען פון די יונגע מענטשן און אין דער מאָרגן־שירה פון די פייגעלער, וואָס לאָזן זיך טשאַטעסווײַז מיט פריילעכן געפלי און געטשווירק אַרויס פון די געדיכטע, באַבלעטערטע צווײַגן.

— — — סוף האַרבסט נײַנצן איין און פערציק. דרײַ, ס'פערטע יאָר סך־הכּל. ער שווימט ווידער. ווידער אויפן וואַסער. און ס'גמיט? אַן אַנדער, גאָר אַן אַנדער געמיט. אַ ביעזשעניעץ. אַ ייִדישער פליט. אַ מאַן פון אַ ווײַב, אַ טאַטע פון אַ קינד. נישטאָ. נישטאָ ביידע. וווהין, צו וועמען פאָרט ער?

אויפן דעק שטייט ער, אַן אָנגעשפּאַרטער אין דעם באַריִער און פילט ס'שווערע סאָפּען, דעכען פון פאַראַכאַד, ווי ס'דעכען פון אַן אַלטן, קראַנקן מענטש. אויף קאַזאַן. אין גאָרקי גייט ער אַראָפּ. אין וואָיענקאָמאַט גייט ער.

די דײַטשישע כּוחות רײַסן זיך קלינענווײַז אַרײַן אין די שטעט. אָרשע, מאָגילעוו, סמאָלענסק — אין זייערע הענט. העכער אַ חודש צײַט — דײַטשיש מיליטער בײַ די טויערן פון מאָסקווע. קויבישעוו — הינטער אים. דאָרט אַהין זאָל זיך איבערפּעקלען דאָס גאַנצע פּאָליטביוראָ.

קאַפּיטל ט

ער שווימט. ווײַט ווײַט פֿון דער היים. לעצטן פּסח, פֿרילינג אַכט און דרײַסיק — געפֿאָרן צום זיידן. קנאַפּע פֿופֿצן יאָר נישט געזען אים. צוויי וואָכן געווען אין דער אַלטער היים. דער טאַטע האָט שוין נישט געלעבט. די לעצטע חדשים אונטערגעקרענקט. זיך געקהלט אין דער „פּראָסטער שיל״, ווו ער פֿלעגט דאַוונען. קיין גרויסער חסיד איז ער נישט געווען. צו די ימים־נוראים — אַ זאַפּאַסנע בעל־תּפֿילה. צו סוכּות — אָרעמע־לײַט באַזאָרגט מיט אַ ביליקן אתרוג־בענטשן. אויך אַ תּהילים־זאָגער בײַ בעטן פֿון מסוכּן קראַנקע.

„קדיש געזאָגט אויפֿן קבר פֿון זון, דער אַלטער זיידע. באַדאַרפֿט האָט זײַן — פֿאַרקערט״ — האָט אים מיט אַ קרעכץ מקבל־פּנים געווען דער זיידע. ס׳פּנים — אין אַ גראָען, געדיכטן אָנוווקס. די ברעמען — גראָע בערשטלעך איבער די אויגן אונטער אַ בלעכענער בריל. נידעריקער, אײַנגעוואַקסענער אין זיך, ווי ער געדענקט אים — אַ דעמב. געבויגן און ברייט. ס׳איינציקע וואָס האָט זיך נישט געביטן — ס׳קול. אַ יונג קול. אַ יאָר פֿאַרן טאַטנס פּטירה — איז די באָבע געשטאָרבן.

וווינט אין דער זעלבער סוטערינע פֿון איינשטאָקיקן הויז בײַ אַנשל בידערמאַן — אַ באַקאַנטער באַלעבאָס אין שטעטל. דאָס זעלבע שטעטל, וואָס מיט קנאַפּע פֿופֿצן יאָר צוריק, נאָר די הײַזער, דאַכט אים, זענען נידעריקער, קלענער, געבויגן צו דער ערד. גראָע ווענט. פֿון אַ סך שיילט זיך דער טינק. דעכער בלעכענע פֿון פֿאַר־זשאַווערטן רויט. שיפֿועים איבער פֿענצטער, פֿענצטערלעך, ווי דאַשעקעס איבער אויגן. בלינדע טירן אָן קאָליר. שויבן — טונקעלע,

שטויביקע, שטובן, פאַרטער־ווינונגען, בײַ דער זײַט פון שמאָלע טראָטואַרן און נישט־ברוקירטע וועגן. איין שפּאַן אויף אַרײַן און אַרויס.

דער „רינג געוועלבן" זײַטיקלער פון דער הויפּטגאַס, מיט גרעסערע קראָמען, קליינע וויסטאַוועס, אַרעם באַפּוצט — ווי אײַנגעזונקען אין דר׳ערד. אויף אַ סך טירן — פאַרלייגטע פרענטן.

אַז די באָבע בלומטשע האָט געלעבט, איז יום־טוב געווען יום־טוב — האָט זיך דער זיידע געפּרוווט פאַרענטפערן. פּסח — אַכט טעג נישט געגאַנגען איבער די דרפּער. נישט געטאַסקעט, נישט געשלעפּט זיך מיט דער „וואָר אַרבעט". רובאַשקעס, באַשליקן, שפּענצערס, הויזן, קאָזשוכעס. שבת נאָכן עסן געכאַפּט אַ שיטערן דרימל. איז אַ שיינער דרויסן — אַרויס נישט ווײַט צו די תבואה־פעלדער הינטער די גוייִשע גאַסן — אויף פרישער לופט. אַז די באָבע האָט געלעבט... פּסח געשלאָפן אַכט טעג אין אַ בעט, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. צוויי סדר־נעכט. הסב־בעט. געזעסן אָנגע־לענטערהייט. בלומטשע לעב, זי האָט אַרויסגעשײַנט פון געבלימטן שלאָפראָק. אַ ווײַס קאָפּטיכל. אַ שנירעלע „פאַלשע" פּערל אויפן האַלדז, וואָס זי האָט קיין מאָל נישט קיין צײַט געהאַט אויף זיך צו נעמען. אַזאַ גוטע נשמה, די באָבע.

נישט פאַרגעסן סערקעלען, איר איינציקע שוועסטער און איר פרומען מאַן, ביינישל. אָרעמע־לײַט. פיר קינדערלעך. געאַרבעט אויפן „טאָג". אַ שטריקדריייער. צוגעהאַנדלט מיט פלאַקס. פון ביידע — קוים אויסגעדרייט ס׳אויסקומעניש. יעדן פרײַטיק איז די באָבע געגאַנגען צום בעקער, באַשטעלט, למען־השם, נישט פאַר־געסן, צוויי חלות, אַ געבײַטלט ברויט. דאָס גלײַכן — גערעדט מיט דער פישערקע. אַ פישל אויף שבת איז אַ מיצווה. אויך דער קצב האָט שוין געוווסט: אַ ביסל דרויב, קאָפּפלייש, אַ גערגעלע. פיר קליינע קינדער. זעקס מײַלער.

האָט מען יענעם פּסח, לכבוד דעם גאַסט פון וואַרשע, דעם „איינקל", אַ בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן, געפּראַוועט אַ סדר.

די פיר קשיות האָט געפרעגט חיימקע דער בכור, ביינישלס. ביינישל האָט געפירט טיש. געלייענט אויפן קול די הגדה. חברה האָבן אונטערגעהאַלטן. ביינישל פאַרטײַטשט מיט פשטלער, מיט תורה־ווערטלער „יציאת־מצרים". ער איז אַ בקי אין די קליינע אותיות, קען זיך אויס אין די זאַכן. די צווייטע סדר־נאַכט — איז אַוועק אַ סדרה מעשׂיות. ביינישל האָט דערציילט פון רבנישע הייף, חסידישע גענג: יונגע־לײַט, קעסטאיידעמלער. מ׳פאַרט מיטן שווער צום רבין. חסידים האַלטן זיך, צו מאָל, אויף דאָרטן פון ראש־השנה ביז יום־כּיפּור. אַפילו איבער די עשרת ימי־תשובה. אין אַכסניות שלאָפט מען, בײַ קרובים, בײַם רבין אין אַלקער.

דער זיידע — אַ רגילות בײַ אים — אַלע יאָר אין סדר־נאַכט דערציילן, שוין צום וויפלסטן מאָל, די נסים פון אַרויסגנבענען די באָבע בלומטשע פון מיליטערישן שפּיטאָל, ווו זי איז געלעגן האַלב־געליימט. און ווי אַזוי ס׳איז געשען געדענקט ער נאָך פון פריִער, כעניק.

אַרויס פון שטוב אויפן הויף אויסגיסן אַ פּאַמעשאַף. צוריק האָט זי שוין נישט געקענט אַ ריר טאָן מיט ביידע פיס. אויף די הענט האָט ער זי אַרײַנגעטראָגן. ס׳לשון האָט זי נישט פאַרלאָרן.

„אַ גוט־אויג" — האָט זי געזאָגט.

„וואָס פאַלט דיר אײַן, בלומטשע?"

„דאָס וואָס דו הערסט, אַ גוט־אויג".

ער האָט זי אַוועקגעפירט אין מיליטערישן שפּיטאָל, ס׳איינציקע אין שטאָט. זי איז לאַנג דאָרט נישט געלעגן.

„אַהיים" — האָט זי זיך געבעטן.

„קוים איז איר באַשערט צו שטאַרבן, איז אויפן אייגענעם בעט".

מאַכט זיך אָבער נישט ווי ס׳רעדט זיך. ס׳אַ שפּיטאָל. גויים. מ׳דאַרף קודם באַצאָלן. אונטערשרײַבן, חתמענען.

זונטיק פאַר נאַכט. קיין דאָקטאָר. קיין שוועסטער. דער סטרוזש זיצט אויף אַ בענקל. דרעמלט. אַוודאי זיך אָנגעשיכּורט. ער האָט

זי אַרויסגעגנבֿעט. אויף די הענט, ווי אַ קינד האָט ער זי געטראָגן. אפשר רופן אַ דאָקטאָר אין שטוב אַרײַן — האָט ער זיך בײַ איר געבעטן. בלומטשע האָלט נישט פון קיין דאָקטוירים. פאַר איין זאַך האָט זי מורא — פאַר אַ „גוט־אויג". קומט עמעצער אַרײַן אין מיטן עסן — לייגט זי אַוועק דאָס לעפל.

„צו פיל זאָלץ". אַ צווייט מאָל — „צו ווייניק זאָלץ".

„ס'עסן האָט נישט קיין טעם".

„פאַר וואָס, מאַמע" — האָט געפרעגט שיינדעלע, די עלטסטע טאָכטער, וואָס האָט צו פערצן יאָר געפירט די שטוב.

ערשט נאָך דעם האָט זי זיך געכאַפּט, שיינדעלע:

„בשעת אַ פרעמדער מענטש קומט אַרײַן אין אין מיטן עסן — איז קאַראַנטער אַזוי".

אפשר רופן דעם פעלדשער מאָטי ווײַסמאַן? — האָט ער נישט אָפּגעלאָזט. וווּנדער דערציילט מען פון אים. אַ שיקסל מיט אַ געשוואָלן קעפּל. בײַ די גרעסטע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן אויסגעווען און — גאָרנישט. דער פעלדשער האָט אַ קוק געטאָן אויפן שיקסל און געזאָגט:

— דאָס מיידעלע האָט זיך אַרײַנגעשטופּט אַן אַרבעסל אין נעזל.

ער האָט דאָס אַרבעסל אַרויסגענומען. דאָס געשווילעכץ איז אָפּגעגאַנגען. דאָס שיקסל איז געזונט געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן געגאַפט.

אַ מיידל, אַ לונגען־קראַנקע, גוססט. אַלע זאָגן איר אָפּ ס'לעבן. טאַטע־מאַמע וויינען, סקאָמלען:

„האָטס רחמנות, ראַטעוועט".

קומט ער, מאָטי ווײַסמאַן, באַטראַכט דאָס נוטה־למותדיקע מיידל. איין זאַך — מאַכט ער — וועט מען נאָך פּרוּוון: צעלאָזן חזיר־שמאַלץ. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז די קראַנקע צו זיך געקומען. חתונה געהאַט. אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

און די באָבע בלומטשע — בײַ ס'איריקע:

— ניין, נישט קיין דאָקטאָר, נישט קיין פעלדשער. אַן אָפּ־שפּרעכערין.

אַן אָפּשפּרעכערין איז גראָד שווער געווען צו געפינען. האָט סערקעלע אָנגעהויבן אַריינקומען. ביינישל, דער גערער חסיד, איז אַוועק צו „זיין" רבין, ר' גמליאל. ר' גמליאל האָט גלייך געשיקט דעם שמש איבערקוקן די מזוזות אין שטוב פון דער קראַנקער. געהייסן אים אַריבערגיין צום סופר סת"ם: בודק זיין די תפילין.

בלומטשען איז בעסער געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן רירן מיט די פינגער פון איין פוס. נאָכדעם — מיטן גאַנצן פוס. אויך מיטן צווייטן. פּאַמעלעכקע איז זי אַראָפּ פון בעט. אַרויס אין גאַס. געשלעפּט אַ פוס. מילא — האָט זי זיך געווערטלט — ווי איר שטייגער, — בעסער שלעפּן אַ פוס איידער, חלילה, מיך שלעפּן אויף אַ וואָגן...

אַזוי פאַרענדיקט דער זיידע איטלער יאָר די מעשה פון אַרויסגנבען די באָבע בלומטשע פון שפּיטאָל.

פון דער העלער הויט געליימט געוואָרן. פון דער העלער הויט אַוועקגעפאַלן און זיך נישט אויפגעהויבן.

נאָך דעם איז אַוועק אַ מעשה פון זיין „סלוזשבע" אין דער רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה. זיך „געמאַכט" אַן אויער. ס'אויער האָט געפּײַפּט און אים האָט מען פון פּריזיוו נישט באַפרייט.

געווען אַ סאָלדאַט ביי פּאַניען. אַזש אויפן ווייטן קאַווקאַז פאַרשיקט. טיפליס. באַקו. סאַבאַלין. און וועגן זיינע פעטערס אָנגעדערציילט זיך מעשיות. שטאַרקע מענטשן — פון זיין „ראָדע". איין פעטער פון דער מאַמעס צד — אויך אַ שניידער, אַ דאָרפ־גייער. גבריאל — האַורילאַ האָבן אים די גויים גערופן — געוווינט הינטער דער שטאָט. צוויי גזלנים זענען אַ מאָל אַריין צו אים. איינעם האָט ער געשפּאָלטן דעם קאָפּ מיט אַ לייכטער. דער צווייטער האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן. נאָך אַ פעטער, שׂימחה. איטלעכן זונטיק איז ער געקומען אין בעקעריי פון זלמן בעקער — אַ וויאָרסט צוועלף פון דאָרף — אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש די

אַלטגעבאַקענע ברויטן. טרוקענערהייט האָט ער געבראָכן שטיקער און געוואָרפן אין מויל אַריַין. אַ מויל לייבנציין האָט ער געהאַט, געקאַנט אויפעסן אַ שיסל רעטשענע קאַשע מיטן טעלער.

אַכט טעג פּסח. אַ גאַסט אין שטעטל. האָט ער ציַיט געהאַט זיך אַרומקוקן. געווען אויפן מאַרק. דער פלומפ אין מיטן מאַרק האָט אין די דינסטיקדיקע יאַרידטעג אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן יינגלוויַיז. ער איז דאָרטן געשטאַנען מיט אַ וויאַדרע, אַן עמער וואַסער און געפּויעט פערד. צען גראָשן — אַ וויאַדרע. פּאָר נאָכט צו. וועגעלעך יאָגן אַהיים, פאַרהאַלטן זיך בייַם פלומפּ. ער טראָגט אונטער וויאַדרעס וואַסער אונטער פערדישע מאַרדעס. אַ שעה, צוויי אַזוי. ביז דער מאַרק ווערט ליידיק. פון די גראָשנס האָט ער געצאָלט שכר־לימוד דעם לערער פון חשבון און פויליש, וואָס האָט אים געגרייט צו די עקזאַמענס — פינפטן קלאַס גימנאַזיע.

ס'וואַסער פון פלומפּ האָט מען באַדאַרפט נעמען מיט כּוח, אַרויספּאָמפּען. ס'אײַזערנע הענטל צום פּאָמפּעווען איז גרעבלער, לאַנג, פאַרדרייט אויף אַרויף מיט אַ גאָלקע אין שפּיץ. ער פלעגט זיך מיט אַלע כּוחות אָנהענגען און ראַפּטעם אַ שלעפּ טאָן אויף אַ אַראָפּ. אַראָפּ און אַרויף. עטלעכע מאָל אַזוי — און ס'נעמט רינען וואַסער. גיט מען דעם עק אַ הייב אַרויף און באַלד פאַלט ער צוריק מיט שווערקייט פון אַ טויטן אבר, לאָזט אַרויס אַ כאָרכל און אַ טרוקענעם קלומפּער — ווייסט מען: דער פלומפּ שטייט. דאָס הענטל, מיט דער גאָלקע אַראָפּ, דערמאָנט אין עק פון אַ הונט בשעת ער לויפט פאַרביַי פרעמדע הייף.

עטלעכע טעג, אַ מאָל — וואָכן — האָט געדויערט ביז דער מאַגיסטראַט האָט געשיקט אַ מענטש פאַרריכטן דעם קאַליע געוואָרענעם פלומפּ. און קאַליע געוואָרן איז ער גאַנץ אָפט.

די טעג וואָס דער פלומפּ איז „געשטאַנען", האָט די מאַרקגאַס און די גאַסן פון אַרום „געשלעפּט" וואַסער פון דער „פּאַזשאַרנע" אין צווייטן עק שטאָט.

איין מאָל, שפּאַצירנדיק אויף דער לובעלסקי האָט ער געטראָפן

זײַן לערער פֿון חשבון און פּויליש — חיים גערגעלע־גאַנדי. אַזוי האָט מען אים גערופֿן.

קליין, דאַר און דריבנע. אַ גרויסער קאָפּ און אַ גערגעלע פֿון אַ הינדל, פֿאַרצויגן מיט אַ רויטער אָדער שוואַרצער בינדע. אייגנטלעך — אַ מין שלייפֿל מיט אַ טאָפּלבענרל פֿאַררוקט אין אַ זײַט. פֿון וואַנען ער האָט זיך דאָ גענומען, ווו ער וווינט — האָט קיינער נישט געוווּסט. אַזוי האָט מען נישט געוווּסט צו וואָס דרייט ער זיך תּמיד מיט אַ טאָרבע אויפֿן אַקסל, קלייבט שטיקלעך פּאַפּיר, גילזן (מ׳האָט אים קיין מאָל נישט געזען רייכערן) און פֿון וואָס האַלט ער זיך אויס. ער גיט לעקציעס. קיין סך בעלנים אויף לעקציעס זענען נישט געווען. ווי אַזוי גיט זיך „דאָס" אַן עצה. אויף „דאָס" האָט מען וועגן אים גערעדט. און באַדאַרפֿט צו אים האָט מען זייער אָפֿט. ער איז געווען דער בעסטער פּראָשעניע־שרײַבער. אין מאַגיסטראַט. אין שטײַעראַמט. אין דער איזבע פּאָסעלסקע. אין העכסטן מיליטערישן געריכט, פֿעלד־טריבונאַל אין דער צײַט פֿון ערשטער וועלט־מלחמה. באַגנעדיקונגען. ביטעס צום פּרעזידענט, פּאָליציי־נאַטשאַלניק פֿון ייִדישן פּערטל — אָפּרופֿן גזירות פֿון די סאַניטאַר־קאָמיסיעס. אַז גערגעלע־גאַנדי האָט געשריבן אַ פּראָ־שעניע, האָט געמוזט קומען אַן ענטפֿער. נישט געווען נאָך איינער צו אים ער זאָל קענען אַלע פּאַראַגראַפֿן, געזעצן פֿון ניקאָלאַיען ביז די לעצטע דעקרעטן פֿון פּוילישן סיים. הײַנט זײַן האַנט־כּתב? זײַן שפּראַכן קענען? פּויליש, רוסיש, דײַטש, פֿראַנצויזיש, לאַטײַן, אַלטגריכיש.

— גערגעלע־גאַנדי — אַ פּראָשעניע:

ער גיט אַ צי ס׳גערגעלע פֿון דער שלייף־און־בינדע, פֿאַר־מרוזשעט די אייגעלעך, אַ נעם די טאָרבע אויף דער האַנט און — גייט. ווו מ׳פֿירט אים — גייט ער: ווו מ׳זעצט אים אַוועק — שרײַבט ער. קיין סך האָט ער נישט באַדאַרפֿט פֿרעגן: נאָמען, אָטשעסטוואָ, אַדרעס און עטלעכע ווערטער וועגן דער דיעלאָ.

אין מינוטן האָט אַלץ זיך בײַ אים אויסגעסדרט אין קאָפּ.

באותו רגע איז דאָס לײדיקע פּאַפּיר פֿאַרפֿולט געוואָרן מיט פּערל־דיקע אותיות. גלײַכע שורות אויף נישט־געווירעטע בויגנס. רונדיק־פֿאַרדרייט בײַ די אָנהייבן און סופן מיט געבויגענע ק און צ, מיט געשלענגלטע נונען.

האָט מען אים נאָך דעם אַרײַנגעשטופּט עטלעכע גראָשן, זלאָטעס אין האַנט — האָט ער אײַנגעקוועטשט ס'פּויסטל, זיך פֿאַרנייגט, געשמייכלט און — געגאַנגען זײַן וועג. ער האָט נישט גערעדט קיין סך, נישט אַרײַן אין אַ שמועס מיט די וואָס האָבן אים באַדאַרפֿט, גערופֿן אַ פּראָשעניע שרײַבן. גערעדט פֿאַר אים האָבן זײַנע פֿרעגערישע אייגעלעך מיט אַ פּיקחותדיקן שווײַגן.

זײַן קליינגעוווּקסיקייט, דאַר, געבויגן, זײַן הולך — אין לײַכטע קליידער זומער און ווינטער — דער נאַקעטער שאַרבן, האָט אים אין אַלעמענס אויגן ענלעך געמאַכט צו גאַנדי. הײַנט דאָס גערגעלע, ס'שפּיציקע גאָמבקעלע, אַרויסגערוקט־פֿאַרהויבן ?

שטאַרק פֿאַרעלטערט האָט ער אויסגעזען. ס'פּנימל — דאַר, הויט און ביין. ס'העלדזעלע — אײַנגעפֿאַלן. אַ דין הײַטל בײַם שלונג. דער ברייטער מוילשניט (אַ פֿײַכטקייט באַדעקט זײַנע ליפּן). אָבער דער „נאַקעטער שאַרבן" — אַ מיניסטער־קאָפּ. ער געדענקט זאַכן, נעמען, דאַטעס.

— הענעכל ? כעניק ? — האָט ער אים גלײַך דערקענט — דיר געהאָלפֿן מײַנע לעקציעס ? פֿון וואַרשע ? האַ ? אוניווערסיטעט ?

✶

ווידער אויפֿן וואַסער. אײַנגעשטילט דער ווינט. דער הימל — אויסגעשטערנט. אַ זעלטענע זאַך דאָ אין אַ האַרבסטנאַכט. קלענערע און גרעסערע שטערן, פֿאַרנעפּלטע און בלענדיקע. יעדער מיט זײַן אָרעאָל. גייט נישט אויך דאָרט אין די הייכן אָן ס'אייביקע בלאָנדזשעניש פֿון שטערן, ווי בײַ די מענטשן אויף דער ערד ? אַ שטערן, ווי אַ מענטש, האָט זײַן גורל, זײַן מזל. מסתּמא אויך אַ קעגנזײַטיק צוציִען און אָפּשטויסן זיך.

איצט, אין די מלחמה־טעג, ווען מענטשן ווערן געיאָגט,

געטריבן פון די היימען, אויף די פּראַנטן אַ קעגנזײַטיק אויסהרגענען זיך — לעבט צוריק אויף די חיה, וואָס אין מענטש.

האַלינאַ. וויפל רויִקייט, אומגעהובלטקייט אין אַט דעם מיידל-קינד? די שענסטע יאָרן אירע אין אַזאַ וויסטן וואָגל. אויסגעהונגערט אין ליבע. הונגעריק בפּועל-ממש. איינע אַליין. נישט קיין וווּנדער, וואָס חיהשע אינסטינקטן וועקן זיך אין איר. זעלבסט-דערהאַלטונג-אינסטינקט. איר נאַריש-קלוגער קאָפּ דרייט אַ קאַרבע: גאַרקי. יאַ פּעטער. נישט פּעטער. תירוצים. פּרעטעקסטן...

און ער — בײַ ס'זײַניקע: ער פּאַרט אין וואַיענקאַמאַט. שטעקט נישט אין זײַנע געננ, אין „שטרענגער", „פּאַטערלעכער" ליבע, וואָס ער ווײַזט אַרויס דעם יונגן, תמימותדיקן מיידל עפּעס טעאַט-ראַליש-איראָניש? שפּילט דעם אינטעליגענט, דעם בעל-נסיון, דעם עלטערן, באַזאַכטן מאַן מיטן גוטן האַרץ און „וואַרעמער" באַציִונג צו איר? מאַן פון הויכער קולטור און מאָראַל? — מײַדט אויס אירע לאַסקעס. לייגט „קאַלטע קאָמפּרעסן" צום שטערן בעת אין זײַן קאָפּ לויפן אום צעהיצטע געדאַנקען, אָנונגען וועגן אַט דעם „מיידל-קינד"? העכער אַ האַלב יאָר צוזאַמען, מאַכן אַדורך אַזאַ אומ-זיכערע נסיעה אין אַן אומויכערן „ערגעצלאַנד". און דער סוף איז נאָך ווײַט-ווײַט און מער פאַרנעפּלט ווי ביז איצט.

ווייל ער אין אירע אויגן נישט אויסזען וויכטיקער, ווערדיקער, ווי ער איז אין דער אמתן? איז עס נישט אַ גראָביאַנסטווע, אַ חוצפּה פון זײַן זײַט? און צו אַלעמען — אַ מאַן עלטער פון איר, כמעט טאָפּלט אין יאָרן?

איז ער דאָך, אויב אַזוי, אויך — אפשר אָן כּוונה — אַ ליגנער.

אַן אומהיימלעכער געדאַנק איז אין זײַן מוח אַדורכגעלאָפן:

„ס'קאָן גראָד זײַן, אַז נישט כעניקן, דעם אומגליקלעכן, צעבראָכענעם מענטשן האָט זי ליב, נאָר יענעם מאַן, וואָס זי מאָלט אים אין איר דמיון"...

ווי אַזוי קרייצן זיך זייערע ביידע מזלות? פּאָר וואָס שטויסט ער אָפּ איר ליבשאַפט, וואָס גלאַנצט אַרויס, ווי בלענדיקע שטערן,

פון אירע אויגן? סאַראַ שפּיל פון גורל אין סאַמע מיטן מלחמה־„שפּיל" פון מענטשלעכע לעבנס?

ער פּאַרקוקט זיך נאָך אַ מאָל אויפן הימל. טיילן זיי נישט, די הימל־קערפּערס, דעם גורל פון מענטשן אויף דער ערד. זענען אין חלל נישט פאַראַן געדאַנקען־ און געפיל־עלעקטראָנען — אַ טייל פון די עלעקטראָ־מאַגנעטישע און פּסיכאָ־כעמישע דערשיינונגען וואָס אויף דער ערד?

ווערליק שפּינאָזאַ קאָן מען שוין היינט מיט מאַטעמאַטישע נוסחאות, דיאַגראַמען באַווייזן די עקסיסטענץ פון אַ כּוח, וואָס מענטשן רופן גאָט. אויך ניוטאָן האָט, קאַנטיק, געגלייבט אין קיום פון אַ געטלעכן כּוח, וואָס אין מענטש. והראיה: כאָטש ער איז שטערבלעך, דער מענטש, איז ער טעטיק אין פרידן און אין מלחמה ביז די לעצטע רגעס פון זיין לעבן. ווער גיט אים דעם כּוח? די נאַטור? גאָט? נישט קיין נפקא־מינה. איז עס נישט דער געטלעכער כּוח, וואָס „גרייט צו" פאַרן שטאַרבנדיקן מענטשן אַן אַנדער עקסיסטענץ? אַן עקסיסטענץ אין אַן אַנדער פאָרעם, צורה.

איז דער מענטש, אויב אַזוי, אַ חלק פון פּערמאַנענטן אומבייט און אומקרייז פון ערדקיילער און אַלע הימל־קערפּערס נאָכן אומקערן זיך אין דער אומבייט פון דער אייביקייט. אין זיין אומקער צום שטויב, וואָס וועט אין מיליאָנען יאָרן מגולגל ווערן אין אַ נייעם הימל־קערפּער — מענטש, שטערן? — — —

רייסט ער אָפּ די אויגן פון די הייכן און קוקט זיך איין אין ברייטן, פאַרנעמיקן טייך. הערט זיך איין אין סודותדיקן געפּליעסק פון די כוואַליעס. ווערן די ברעגעס אַזוי ווייט פון אויג און ס'קומט אים אויס עלעהיי אַ קוואַליק ברויזן פון אַ ים. מיליאָנען יאָרן גייט אַן ס'ימיקע געפּליעסק נאָך איידער אַ מענטשלעכער פוס האָט די ערד באַטראָטן. מיליאָנען יאָרן וועט עס נאָך אָנגיין און איבער־לעבן, איבעררוישן ווער ווייסט וויפל דורות — טויזנטער דורות־געדיי.

ליגט נישט אין דעם די גאַראַנטיע פון אייביקן קיום: פון אַ

גערטלעבער שלמות? — איז סאַניעס און שימעלעס גרויזאַמער אומקום, זײַן לעבן, ווייטיקן און ליבן, זײַן גיין אין מלחמה נישט — אַ רינגעלע אין אַט דער לאַגער, סופלאָזער קייט פון גורל, פון דער באַשערטקייט?

אין דער קאַיוטע, אויף אַ נאַרע, איז האַלינאַ געזעסן אַן אײַנגעקנאָדערטע אין אַ קאָלדרע. אויפן קאָפּ — אַ שוואַרץ בערעטל. היפשע עטלעכע שעה זעט זי נישט בעניקן. עס שאַרױעט אויף טאָג. נאָך אַ צען אירע אויסגעצויגענע אויף די נאַרעס. מ׳דרימלט. מ׳וועקט זיך איבער. מ׳געגעצט הויך אויפן קול. מ׳טשוכעט זיך אויס. ס׳קליינע לעמפּעלע אויף דער סטעליע באַרעט זיך מיט די רעשטלעך נאַכטשאָטנס אויף די ווענט, וואָס צעקריכן זיך ווי פוילע קעץ, בלײַבן ליגן אין די ווינקלען פון קאַיוטע.

זי איז אַראָפּ פון דער נאַרע. אויסגעגלײַכט זיך פון אײַנגעקאָרטשעטן זיצן. אָפּגעצויגן ס׳קליידל אויף זיך. פאַפּראַוועט די פריזור אונטערן בערעטל. אַוועק זוכן בעניקן.

בעניקן איז נאָך אַ האַלבער נאַכט שטיין אויפן דעק קאַלט געוואָרן — איז ער אַרײַן אינעווייניק. זיי האָבן זיך אויסגעמיטן.

אין זײַן מידן קאָפּ האָבן זיך געפּלאָנטערט די אַלט־נײַע בילדער, נאָכטראַכטענישן. ווי מלבושים צעוואָרפענע אין אַ שאַנק זיך געוואַלגערט אין מוח. הונגעריק. נישטאָ וואָס צו נעמען אין מויל אַרײַן. כמעט אַלע זאַפּאַסן אַרויסגעענדיקט. נאָך אַ טאָג, צוויי אויפן וואַסער ביזן קומען קיין גאַרקי. מ׳דאַרף „אָרגאַניזירן" אַ ביסל פּראָוויאַנט.

אָפּן, פרײַ פאַר אַלעמענס אויגן גייט דאָ אַן אַ האַנדל: אַן אויסטויש פון וויעשטשעס (זאַכן): וועש, שוכוואַרג, קאַלאָשן, וואַליקעס. אַן אָפּענער בופעט. ס׳איז דאָ וואָס איבערצוכאַפּן. טשערוואָנצעס גייען דאָ פון האַנט צו האַנט.

אַן אָטשערעד בײַם בופעט. שטייענדיק זופּט מען פון אַ שיסעלע, מ׳קײַט אַ שטיקל קאָלבאַס, אַ הערינגל, ווי אַ גאַרמאָשקע צווישן די ליפּן, אַ געפּרעגלט פישל. וואָדקאַ, טיי. אַ לײַכטן טרונק.

קאַפּיטל י

האַלינאַ איז נעלם געוואָרן. נישטאָ. די קאַיוטע — ליידיק. קוים פאַלט ווער אַרײַן קאָן אויך נעלם ווערן ס׳ביסל באַגאַזש. אומגעבעטענע געסט פעלן דאָ נישט. — אָפּן, כּמעט אומגעשטערט — גנבהלער. מ׳שלעפּט פון די קיישלער, קופערטס, פון די קעשענעס, האַנט־טאַשן. פראַנק און פרײַ דרייען זיך דאָ כּוח־גייערס, ווילע־יונגען, נאַכאַלניקעס. שיפּמאַנשאַפט? נאַטשאַלניקעס? אויפזעערס? קיינעם פון זיי זעט מען נישט. — קיינער וועט נישט וואַגן צו פרעגן. נישטאָ וועמען... די זאַך איז קלאָר. — —

אין אַ זײַט, ווינקלדיק אויפן פּאַראַכאָד — אַ רעסטאָראַן אָפּגעצוימט מיט פאַרגלאָזטע טירן. מיליטער־לײַט פון העכערע ראַנגען זעט מען דאָרט. אויף טישלער — פלעשלער וואָדקאַ, ביר, קאַווע, געבעקסן, אַ פּאָרע פון אויפגעקאָכטע וורשטלער. וורשט־אויפשניט אויף טעלערלער. אַ פליסיק געקעכטס אין וואַזעס. האַרבע, געשמאַקע ריחות שפּאַרן דורך די פאַרגלאָזטע ווענטלער.

געמיטלעך זיצט מען אַרום די טישלער. מ׳לענט זיך אונטער די הערצער. צעשמייכלטע פּנימער. יונגע מענטשן אין געפּאַסטע מיליטערישע מונדירן.

כּעניק איז עטלעכע מאָל פאַרבײַגעגאַנגען דאָס רעסטאָראַנדל. נאָך פּאַראַכאָדניקעס האָבן זיך געדרייט, זיך אָפּגעשטעלט. אַרײַנגעקוקט. געוואָרפן נײַגעריקע בליקן און געגאַנגען ווײַטער. מערסטנס פרויען, קאַלכאָזניצעס. געקוקט און זיך איבערגעסודעט, אָנגעוויזן מיט די פינגער אויף די זיצנדיקע. געפּרוווט טרעפן די ראַנגען: לייטענאַנט, מלאָדשע לייטענאַנט. פּאָלקאָווניק.

הונגעריק, אײַנגעמידט פון שלעפּן מיט זיך ס׳געפּעק — קאָנטיק די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס ר׳האָט נישט געוואָלט לאָזן אין קאַיוטע

מחמת גנבה — האָט ער זיך פֿאַררוקט אין אַ ווינקל. אָפּרוען זיך און גיין ווײַטער זוכן האַלינען.

זי וועט זיך אַוודאי אַ ליאָדע מינוט אַ ווײַז טאָן — האָט ער געטראַכט.

האַלינאַ איז געשטאַנען אין אַטשערעד. געוואָלט עפּעס וואָס קויפֿן צום איבערכאַפּן אויפֿן אָרט און אויך עפּעס פּאָר בעניקן. גאָרנישט אײַנגעהאַנדלט. צו הויכע פּרײַזן. זי איז אַוועק פֿון דאָרט מיט ליידיקע הענט. אויף צוריקוועגס האָט זי זיך פֿאַרהאַלטן בײַ די גלעזערנע טירן. זי קוקט אַרײַן. איינער, אַ יונגער אָפֿיציר דרייט אויס דעם קאָפּ אין איר זײַט. פֿרעגט זי פֿון דער ווײַטנס מיט אַ האַנט־תּנועה:

— וווּהין ?

זי הייבט מיט די אַקסלען. פֿאַרשטייט נישט.

— וווּהין פֿאָרסטו ? — פֿרעגט ער שוין מיט די ליפּן, אויף שטום־לשון. וואַרט אַ ווײַלע. הייבט זיך אויף, שרײַבט שטייענדיק, אויף גיך, עפּעס אויף אַ צעטעלע און גייט צו צו דער שויב. לייגט צו דאָס צעטעלע אַזוי, אַז זי זאָל קענען לייענען.

„וווּהין פֿאָרסטו" — געשריבן מיט ייִדישע אותיות.

— אין ערגעצלאַנד — ענטפֿערט זי אויפֿן קול און הייבט מיט די אַקסלען, וואָס דאַרפֿן באַשטעטיקן דאָס געזאָגטע.

— אַן עוואַקוירטע ? פֿון וואַנען ? — רעדט ער צו איר אויפֿן זעלבן לשון.

— פּוילן — שרײַט זי שוין העכער.

ער שמייכלט. אַ טרויעריק־באַדויערנדיקער שמייכל. אויך אירע ליפּן פֿאַרציִען זיך אויף עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל. עטלעכע מינוט שטייען ביידע פּנים־אל־פּנים פֿון ביידע זײַטן שויב.

✶

האַלבער טאָג. ס'איבערקלערן וועגן האַלינען האָט אים פֿאַרגעסן געמאַכט אין הונגער. ווו איז זי אַהינגעקומען ? האָט אפשר מיט

איר עפּעס געטראָפן? וואָלט מען דאָך געהערט. טאָקע אַ צוויי־שטאָקיקער בנין אָבער אַלע זענען דאָ, אַלע און אַלץ הערט מען דאָ. אַן אומרו און אַ פּאַרדראָס: אַ האַרבער פּאַרדראָס אויף איר לײַכטזיניקן פירן זיך. ער גייט אַרײַן אין דער קאַיוטע, לאָזט דאָרט דעם באַגאַזש, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן. גנבים? סתם שלעפּערס, וואָס שלאָנדערן זיך, זוכן אַ לײַכט פאַרדינסטל? פאַר וואָס האָט זי דאָ די זאַכן הפקר געלאָזט?

ער גייט נאָך אַ מאָל אַראָפּ אויפן ערשטן שטאָק — זייער קאַיוטע איז אויפן צווייטן — קוקט, זוכט צווישן די מענטשן, ליגנדיקע, זיצנדיקע — אין זאַל און אויפן דעק — וואַרפט בליקן אין דער זײַט פון בופעט. נישטאָ, און ס׳גיט אים אַ צי אַהין. צו דער גלעזערנער טיר פון וואַנען ס׳שפּאַרן ריחות פון געשמאַקע עסנס.

ער גייט פאַרבײַ און וועמען זעט ער? האַלינא זיצט דאָרט בײַ אַ טישל, אָפּגערוקט פון גערעמל אָפּיצירן בײַ די טישלער. קעגן איר — אַ יונגער לייטענאַנט.ביידע אין אַ געמיטלעכן שמועס, ווי אַלטע, באַקאַנטע פרײַנד.

אַ וויטיק האָט אַ מעסער געטאָן אין זײַן מידן, אָפּגעשוואַכטן האַרצן. עס האָט אים אַ דריי געטאָן אין די געדערעם, ווי אַ הויפן ווערעם וואָלטן דאָרטן געוויעט.

פאַר וואָס האָט עס אים אַזוי אויפגעטרייסלט — וווּנדערט אים אויף זיך אַליין. אייגנטלעך האָט ער דאָך פון אָנהייב אָן די זאַך נישט גענומען ערנסט. און באַשלאָסן האָט ער דאָך סײַ ווי סײַ, אַז ער לאָזט זי איבער בײַם „פּעטער״. ער מאָביליזירט זיך.

„אַ מאַן און אַ טאַטע ביסטו פאַר מיר״ — האָט זי אַנומלטן געזאָגט. אַצינד זיצט זי דאָ מיטן מאַן, און דעם „טאַטן״ אַ גאַנצן טאָג געלאָזט וואַרטן הונגעריק, אַליין, און שטאַרק באַזאָרגט פון איר נישט ווײַזן זיך.

דרויסן פון רעסטאָראַנדל שטייט ער, זײַטיקלעך, פאַרטײַעט, זי זאָל אים נישט באַמערקן... שעמט זיך. פאַר וועמען? פאַר איר? פאַר זיך אַליין שעמט ער זיך...

האָט דאָך אים אַהער געצויגן, ווי ס'ציט אַ מערדער צום אָרט פון פאַרברעכן...

ער שטייט און קוקט אַרײַן.

„אַרײַנלייגן פינף, זעקס מענער אין אַ שמעלצטאָפּ און אַרויסנעמען איינעם". סאָניעס, זײַן סאָניעס ווערטער. דאָס איז ער דער איינער, דער אויסדערוויילטער? האָ? ווו איז זי אַצינד, זײַן ווײַב? ווו איז אַצינד זײַן קינד? און ווו איז ער? האָ? וואָס טוט ער דאָ דרויסנדיק פון רעסטאָראַנדל. און זי דאָרט אינעווייניק: סאָראַ האַרציקע שמייכלען. אַ שושקעניש. אַ סודותדיק רעדן. ווײַטער פון „שטאָב" אָפּיצירן זיצן זיי אין אַ געמיטלעכן שמועס.

✶

ס'רויעט דאָ, אויף ביידע עַטאַזשן, ווי אין אַ בינשטאָק. צווישן אַלע — יונגע יאַטלער, אין טפּריטנעם לויפן, דרייען זיך אַרויף און אַראָפּ איבער די טרעפּלעך פון דער צוויי־גאָרנדיקער געבײַדע. זעסט זיי, די לאַבוזלעך, און אַט ווערן זיי נעלם. אַט וואַקסן זיי ווידער אויס און ווו מען דאַרף זיי נישט — זענען זיי דאָ. גנבהשע בליקן. חוצפּהדיקע געלעכטערלעך. נישט צו ריינע פּרצופים. צעפּלאַשעטע, קודלעוואַטע גזשיווקעס איבער די אויגן, פאַרשמאַדערט אָנגעטאָן. שווער זיי צו דערקענען, אונטערשיידן איינעם פון צווייטן. ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. די מאַמע פון נויט, פון מלחמה, פון צעריסענע משפּחות און מלחמה־וולוטשענגעס.

מאַטושקאַ ראַסיאַ און פאַטערל — סטאַלין.

ווו אַ געזעמל, אַן ענגשאַפט — זעסטו זיי, די פּאַצאַנאַקעס, די יאַטלער. די הענטלעך זייערע — אַרודעווען. קריכן אין קיישלער, האַנט־טאַשן, טאָרבעס. אין קעשענעס, אין פּלעצאַקעס. אַ פּלעצאַק אונטן, אַ פּעקעלע פון פאָרנט — טראָגט ער. און אַט — פאַלט אים צו די פיס ס'פּעקל. ער קוקט זיך אַרום — דער פּלעצאַק נישטאָ. איבערגעשניטן דאָס פּאַסיקל: איינס פאַר דיר, איינס פאַר זיי. — ראַפינירטע גנבימלעך.

אויך שאַרפע פּיסקלער. פאַרהיימישן זיך שנעל. זענען גרייט אונטערטראָגן, איבערטראָגן פון איין אָרט אויפן צווייטן אַ שווער קעסטל, אַ פולן זאַק, אַ וואַליזקע און — נישט מיר, נישט דיר — הערסטו אַ געשריי, אַ גוואַלד. — נישטאָ דער טרעגער מיטן פּעקל... מערסטנס „באַארבעטן" זיי פּרויען, באַבעס.

— אַ, מײַנע וואַליקעס!

— מײַן טשעמאָדאַן ווו איז?

— ס'קייטעלע פון האַלדז!

— ס'זייגערל!

— וואָר! [26] סוואָלאָטש!

— כאַפּט אים, דעם מערזאַוויעץ!!!

פון די זאַכן ווערט געלט. האַנדל און טויש, ווי אויף אַ באַזאַר, טאַלטשאָק.

און שאַ, שטיל. אַ שטייגער זיי, די פּאַצאַנאָקעס, זענען דאָ די רעדל־פירערס, די רעגירערס. אויף שטום־לשון, אויפן ווונק גייען איבער טשערוואָנצעס פון האַנט צו האַנט. פאַר די „רויטע פּאַ־פּירלער" קריגט מען דאָ אַלץ: קאַלבאַסאַ, ווורשט אויף דער וואָג, חזיר־פּעטס, משקה, הערינג און כּלערליי פּיטשעניעס. שוואַרץ און ווײַס ברויט. אויך אַ הייסע זופּ מיט „אויגן". קאַלטע געטראַנקען.

בעניק זעט זיי, די יאַטלער, מיט פולע מײַלער און — פּעקלער טשערוואָנצעס, וואָס מ'שלעפּט פון די בוזעם־קעשענעס פראַנק און פרײַ. זיי זענען די ערשטע בײַם בופעט. די לעצטע, אומדערגרייכלעכע פאַר די „היטערס פון אָרדענונג און געזעץ" — — — געהיימער אָפּמאַך צווישן די צושטעלערס און אָפּנעמערס? יד־אחת? חלילה דאָס וואָרט פאַר די ליפּן ברענגען. מעג מען בײַ דיר צונעמען די לעצטע פּאַר רובל, לאָזן דיך אין די אונטערוועש, האַלב־נאַקעט: שרײַ „כאַפּ דעם גנב": נישטאָ צו וועמען צו רעדן, פאַר וועמען זיך פאַרקלאָגן.

26. גנב.

אַזאַ איינעם, אַז „אָפּגעגאָלטן", ווי מ'זאָגט דאָ — אויב האָט ער נאָר אַ פּאַסודע, אַ קאָטיאָלאָק — איז אים איין ברירה געבליבן: שטעלן זיך אין אָטשערעד בײַם הייסן קראַן, קיפּיאַטאָק...

כעניק קאָן זיך נישט באַגנוגענען מיט דער ברירה. ער איז הונגעריק. די פּרײַזן בײַם בופעט — אויפגעשרויפטע און אין טאַש — טאָגט...

קאַפּיטאַל יא

אַ הויך, דאַר יִינגל מיט אַן אָפּגעצויגן, מאָגער פּנימל, אַ נישט־אויסגעשלאָפנס, גייט צו צו אים:

— ווייסט ווער איך בין? — ער זאָגט עס מיט גדלות, אַ שטייגער ער איז דעם סאַמעראָדנעמס פון פּאַראַכאָד אַ זון.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— איך בין „זייער" קעניג.

— זייער פּריאַטנע.[27]

— ביסט הונגעריק?

— ניין. אַצינד געגעסן.

— דו ליִיגסט. כ'זע אין דיַין נאָז, אַז דו האָסט שוין לאַנג נישט געהאַט אין דיַין מויל.

— אַ, טי מודרי פּאַרין.[28]

— זיי נישט קיין דורען[29] און נעם וואָס איך גיב דיר.

ער האַלט עטלעכע טשערוואָנצעס פאַרקוועטשט אין האַנט. גיי — מאַכט ער — קויף וואָס דיַין האַרץ גלוסט.

— ס'וועט מיר בלײַבן אַ רעשט.

— פאַר דער רעשט קויף וואָס איכ'ל דיר זאָגן.

געזען, אַז כעניק וויל עפּעס פרעגן, איז ער אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— פרעג ווייניקער. דאַיוט? מ'גיט? — נעם.

27. זייער אַנגענעם.

28. דו ביסט אַ קלוגער בחור.

29. טיפש.

בעניק שטייט פאַר אים ווי אַ ייִנגל, אַ קליין פאַרשעמט ייִנגל אין גרויסער פאַרלעגנהייט.

— זײַ נישט קיין דורען. ס'איז נישט קיין פאַלש געלט. מיר „אַרבעטן" שווער דערויף.

— דאָ שטייט פאַר דיר זייער קעניג, בראַטאַק.[30]

און דער „קעניג" איז שוין נישטאָ. בעניק איז צוגעגאַן צום בופעט, געקויפט אַ האַלב שוואַרץ ברויט, אַ שטיקל ווורשט. קאָנפעטן צום קיפּיאַטאָק, זודיק וואַסער, נאָך וואָס ר'האָט זיך געגרייט שטעלן אין אָטשערעד. אויפן אָרט אויסגעטרונקען צוויי הייסע גלעזער טיי. ער איז צוריק אַרויף אויפן אייבערשטן שטאָק צו זײַן נאַרע. אָט שטייט שוין ווידער קעגן אים דער קעניג:

— זיך אונטעגעהאַלטן ס'האַרץ?

— ווי אַזוי האָסטו געטראָפן צו מיר דאָ?

— איך ווייס אַפילו וועלכע זענען דײַנע פּעקלער. נישט געריירט, ווי דו זעסט. איך ווייס ביי וועמען צו נעמען.

בעניק שטופּט אים ס'רעשט געלט אין האַנט אַרײַן. יענער שטופּט צוריק:

— אירונדאַ, נאַרישקייטן. פאַרסט אַוודאי אַ ווײַטן וועג. אַ באַרישניע אויך, האַ?

— פון וואַנען ווייסטו?

— געזען אײַך ביידע בעתן אַרויף אויפן פּאַראַכאָד. געזען זי דאָרט זיצן ביי אַ טישל מיט די גרויסע, די וואָיעננע לײַט. וואָס רעדט זי דאָרטן מיטן שטאַרשי לייטענאַנט? טרענט דיר אָן אַרבל?

— רעדסט שוין נאַרישקייטן?

— נאַ, נעם. אָן דעם קאָן מען דאָ אויסציִען די קאָפּיטעס. פּאָנימאַיעש, פאַרשטייסט? — שטופּט ער אים ווידער עטלעכע טשערוואָנצעס.

30. ברודער.

— דאָ, דאָ, כ׳פאַרשטיי. וואָס קויפן דיר פאַר די רעשט?
— אַ צווייט מאָל. מיר׳ן זיך נאָך זען...
— האָסטו מיר נאָך וואָס צו זאָגן?
— יאָ, בראַטאָק. כ׳על דיר ברענגען פרישע טשערוואָנצעס און דו וועסט קויפן פאַר אונדז, וואָס כ׳וועל דיר הייסן. מיר (ער האָט עטלעכע מאָל באַטאָנט דאָס וואָרט „מיר") טאָרן זיך נישט צו פיל ווייזן ביים בופעט. זנאַטשנע [31] פּנימער... פּאָנימאַיעש? [32]
כעניק האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.
הערסטו נישט אַלע מאָל אַ געשריי, אַ גוואַלד. דאָס מיינט מען מײַנע מענטשן. דערוויל קיינעם נישט געכאַפּט. אַרויסלייגן טשערוואָנצעס פאַר די אויגן פון אַלע דאָרטן בײַם בופעט — מסרט.
— און פאַר דער נאַטשאַלסטווע?
ער שווײַגט.
— כ׳מיין פאַר זיי, די באַלעבאַטים דאָ, האָט איר נישט קיין מורא.
— דעם שיף־קאַפּיטאַן, די דינערשאַפט מיינסטו?
— יאָ.
— דאַוויי ניע בודים.[33]
— כ׳פאַרשטיי נישט.
— בעסער נישט רעדן. — נישט קיין נאַרישער פּאַרין [34] און פרעגסט נאַרישע קשיות כאַ, כאַ, כאַ. זיי זענען אויף אונדזער „איזשדיוויעניע,"[35] פּאָנימאַיעש? זיי ווילן אונדז מער נישט זען בײַם בופעט.
כעניק האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

31. קענטיקע.
32. פאַרשטייסט?
33. נו, לאָז געמאַך.
34. בחור.
35. אויסהאַלט (כלכלה).

— און דו מיינסט, בראַטאָק, אַז מענטשן האָבן קיין אויגן נישט? ס׳טרעפט, אַז מ׳זעט עמעצן פון דער חברה ביַי „דער אַרבעט״. מ׳גיט אַ צי אַרויס אַט אַ דאָס. ער נעמט אַרויס פון בוזעם אַ שפּרינג־מעסערל. געגנוג אַ שפּיץ פון ז׳עם און יענער האָט גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט...

כעניק האָט אינסטינקטיוו זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק.

— נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, בראַטאָק. קיין איין מאָל דאָס מעסערל נישט געעפנט... ניעט. קיין האַנט נישט געהויבן אויף אַ מענטש. נאָר די צונג צווישן די ציין. — מאַלטשאַט.[36] עטאָ ווסיאָ.[37] ווהין פאַרסטו?

— גאָרקי.

— האָסטו דאָרט קרובים?

— דעם וואָיענקאָמאַט.

— פאַר סטאַלינען?

— פאַר מיַין פרוי און קינד. אַריַינגעפאַלן צו די גערמאַנער אין די הענט: נקמה. נקמה.

— כאַראָשי פאַרין. מיַין טאַטע, מיַינע צוויי ברידער — אויפן פראָנט. די מאַמע — קראַנק. דריַי קליינע ברידערלעך, אַ שוועסטערל אין שטוב. דריַי און פיר הונדערט גראַם ברויט אויף אַ קאָפּ, אויף אַ גאַנצן טאָג. נו, קאָן מען מיט דעם לעבן?

— ניין.

— אַרבעט? „ווער עס אַרבעט נישט — עסט נישט״ אַ יאָ? ווער עס אַרבעט — שטאַרבט פאַר הונגער.

— וווּ וווינט איר?

— אין קויבישעוו. פאָר אַהין און צוריק אָן אַ בילעט. לאָז איבער אין שטוב אויף אַ וואָך לעבן און היַידאַ, אויפן פאַראַכאָד.

— דיַין פּרנסה?

36. שוויַיגן.

37. דאָס איז אַלץ.

— ניטשעווא ניע פּאָדיעלאַיעש, וואַינאַ.[38] נו, בוד׳ זדאַראָוו.[39]

— ספּאַסיבאַ. אַ דאַנק.

— גיי שלאָגן די גערמאַנצעס — ער האָט כּעניקן אַרײַנגעשטופּט אַ בייניק הענטל מיט לאַנגע, קאַלטע פינגער.

✶

און אָט שטייט זי פאַר אים, האַלינאַ. אַוונט. אַ שיטערע שײַן פון איינציקן, עלעקטרישן לעמפּל. צו ווייניק ליכט צו פאַריאָגן די שאָטנס. צו פיל פאַר די צוויי פּאַסאַזשירן אין דער קאַיוטע. דעם ערשטן טאָג צוזאַמען מיט זיי דאָ אַרײַנגעקומען.

אַ סך גלײַכער וואָלט פאַר האַלינען געווען ווען זיי טראָגן זיך אָפּ.

— געבראַכט דיר אַ קײַ.

— אַ דאַנק. געגעסן. געטרונקען.

— און איך האָב די גאַנצע צײַט געדענקט: פון נעכטן נישט געהאַט אין דײַן מויל.

— איז צו וואָס האָסטו מיך אַזוי לאַנג געלאָזט וואַרטן אויפן קײַ ?

ער האָט עס געזאָגט מיט אײַנגעהאַלטענעם פאַרדראָס און געמאַכטן גלײַכגילט.

זי, די נאַרישע האַלינאַ, האָט געוווּסט, אַז דער גלײַכגילט כּעניקס איז נישט מער ווי אַ לײַכט „פרעסטל". הינטערן פרעסטל שוימט צעכוואַליעטער כּעס. איין אומפאַרזיכטיקן טראָט און ס'פרעסטל ברעכט זיך אײַן. פאַרפלייצט די ברעגעס פון געדולדיקייט. — זי ווייסט, אַז זי איז אַ שווערע עוולה באַגאַנגען קעגן אים, קעגן זיך, אָבער אומשולדיק איז זי. גאָרנישט איז צווישן זיי געשען. ווי אַזוי קלערט מען דאָס אים אויף ?

38. ווערסט גאָרנישט מאַכן, מלחמה.

39. נו, זײַ געזונט.

ביידע שותּפים צו דער קאַיוטע — אַ פרוי און אַ מאַן — ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, וואָס דאָ וועט פאַרקומען — האָבן זיך אויפגעהויבן, אַראָפּ פון דער נאַרע, געלאָזט זיך אַרויסגיין. געבעטן „אַ קוק טאָן" אויפן „פאַרמעג" ביז זיי וועלן זיך אומקערן.

אַ ייִדישער אָפיציר פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. אַ געבוי־רענער אין וויניצע. געענדיקט אַן אָפיצירן־שול. פאַרט איצט קיין קאַזאַן. פון דאָרט — פראָנט. שווערע קאַמפן קומען דאָרטן פאָר. פון וואַנען און וווּהין פאָרט זי. ווער איז דער מאַן, וואָס האָט דאָ עטלעכע מאָל זיך געוויזן דרויסנדיק פון דער שויבנטיר — האָט ער געוואָלט וויסן. זי האָט אים אַלץ אויסגעדערציילט: סאַניע, שימעלע. דער אומגליק, וואָס האָט מיט זיי געטראָפן. אויך וועגן זיך האָט זי דערציילט. אָפנהאַרציק, אַלץ וואָס מיט איר געשעט. ווי צו אַ ברודער, אַן עלטערן ברודער, האָט זי צו אים גערעדט: אַלטע טאַטע־מאַמע געלאָזט אין דער היים. דריי קליינע ברידערלעך. מ'הערט נישט פון זיי גאָרנישט. גרוסן ביטערע קומען פון דאָרטן. אָפּגעריסענע ידיעות. גלייבלעכע און אומגלייבלעכע. — — ביז דער מלחמה געלעבט אין וואַרשע. מטפּל געווען מיט אַ קינד. פון צייַט צו צייַט אַהיימגעפאָרן זען וואָס אין שטוב טוט זיך. דער טאַטע — אַ סאַדאָווניק. אַ גאַנץ יאָר האָט אין שטוב געשמעקט מיט פרישע אויבסן. די מאַמע האָט אַליין געבאַקן ברויט. אַ קליינער אויוון געשטאַנען אין שטוב. זי האָט געקנאָטן דאָס טייג אין אַ מולטער, אַרויסגענומען שטיקער טייג, געטונקען די הענט אין וואַסער, אויס־פּאַטשט די ברייטלעך און זיי געשיבט אין אויוון אַרײַן. פון דאַנערשטיק ביז דאַנערשטיק האָט געסטייַעט דאָס ברויט. ראַזעווע ברויטלעך, געשמאַקע. זיי האָבן זיך געשניטן ווי פלאָדן.

ער האָט אויסגעהערט און געשמייכלט. געפרעגט, וואָס זי וויל עסן, טרינקען. זי איז הונגעריק. אָבער, אויב מ'מעג בעטן — זאָל ער מאַכן אַ פּעקעלע. ז'וועט עס נעמען מיט זיך.

געזען, אַז דער מיליטער־מאַן האָט צייַט און הערט זי אויס,

האָט זי ווײַטער גערעדט. נישט געפּילט ווי די צײַט רוקט זיך. פֿאַרגעסן אַז ער, כעניק, וואַרט דאָרטן, קלערט אַוודאי איבער.

אין די ווינטערס האָט זיך איבער דער שטוב געטראָגן אַ ריח פֿון אויסגעלאָזן שמאַלץ, געגנדזענע גריוון. אין קעלער — אַ פֿעסל זויער קרויט פֿאַרדעקט מיט אַ הילצערנער דעק, פֿון אויבן — אַ שווערער שטיין. קאַלט זויערקרויט אויף אַ גאַנצן זומער. קאַרטאָפֿל מיט שמאַלץ, קאַרטאָפֿל מיט זויערע מילך, מיט סמעטענע, מיט אַ שטיקל פּוטער אויסגעוויקלט פֿון גרינע בלעטער...

שבת, טישן מיט חלות, בענטשליכט. מיט ווישניאַק, אַליין געמאַכטן אויף פּסח.

פֿון גרויס בענקשאַפֿט, וואָס האָט זיך בשעתן דערציילן צע־פֿלאַקערט אין איר — האָט זי אין גאַנצן פֿאַרגעסן ווו זי געפֿינט זיך און מיט וועמען זי רעדט.

זײַן אויפֿמערקיק הערן און צושאָקלען מיטן קאָפּ, שמייכלען — האָט איר אַלץ מער און מער דערמאָנט אין דער שטוב, וואָס זי האָט פֿאַרלאָזט מײנענדיק, אַז אַ ליאַדע וואָך, צוויי וועט זי זיך אומקערן. הײַנט זעט זי ווי יונג, נאַריש זי איז געווען אין די זאַכן. אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה באַגאַנגען קעגן טאַטע־מאַמע, קעגן זיך אַליין. זיך געלאָזט אין אַזאַ וועג אַרײַן: אַזאַ לאַנגע ביטערע מלחמה. ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך זי וועט דויערן. ווען וועט אַ סוף נעמען צו דער וואָלוטשענגע? זי פֿאַרט אַצינד צו אַ פֿעטער, דעם טאַטנס ברודער. געהערט, אַז ער געפֿינט זיך אין גאָרקי. קיין אַדרעס האָט זי נישט. און צי וועט זיך פֿון דעם נישט אויסלאָזן אַ בוידעם.

אַ טרויער האָט פּלוצעם פֿאַרצויגן ס׳פּנים פֿון יונגן אָפֿיציר — ס׳טוט איר באַנג אויף אַלץ, וואָס זי האָט דאָ, בײַם טישל, אויס־געבריײַעט. צו וואָס? ער פֿאָרט אויפֿן פֿראָנט. — אַ ביטערע מלחמה.

זי האָט שוין געוואָלט גיין — האָט ער אָנגעהויבן דערציילן:

אויך ער האָט געלאָזט אַן אַלטע מאַמע אין שטוב. טאַטע — געשטאָרבן. דער עלטערע ברודער, אַ באַוווײַבטער, מאָביליזירט געוואָרן אין ערשטן טאָג פֿון מלחמה־אויסבראָך. ווו איז ער איצט? „אַ

לאַנגע מלחמה — זאָגסטו, מיידל? זי הייבט זיך ערשט אָן. ווען אַ מלחמה הייבט זיך אָן — ווייסט מען. ווען זי וועט זיך ענדיקן, ווי אַזוי — ווייסט קיינער נישט".

ער האָט געמאַכט אַ פּעקעלע. זי ווייסט אַפילו נישט וואָס דאָרט געפינט זיך. זיך געזעגנט מיט איר, געווינטשן איר און דעם אומבאַקאַנטן מאַן אַ גליקלעכע רייזע.

ווי אַזוי קלערט מען אים דאָס אויף, כעניקן? זי זעט אויף זיין פּנים, אין די אויגן, וואָס קוקן אַוועק פון איר, אין זיין צוק פון די ליפּן זעט זי — — — ניין, ניין. אָן עברה די רייד. פּרויען, האָט ער איר איין מאָל געזאָגט, קאָנען וויינען מיט אמתע טרערן, קאָנען זיך לאַשטשען ווי קעץ, זיין גיפטיק, ווי אַ שלאַנג. אַ פרוי קאָן אויך שטיין פּנים־אל־פּנים קעגן אַ מאַן וואָס זי האָט ליב און טשאַקען ליגנס.

— כעניוש, — האָט זי אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן מיט מורא, מיט געבעט און מיט אַ ליבשאַפט, וואָס קומט פון אמתן טרויער און באַדויער — האָרך מיך אויס, כעניוש — — — און איר שטים האָט זיך פאַרהאַקט, ווי אַ קאַליע געוואָרענער שלאָס.

— לאָז, לאָז רעדן צו זיך, איך וויל דיר דערציילן — —

— איך וויל נישט הערן -- איז ער איר אַריין אין די רייד.

— הער מיך אויס, ליבער: הער און וועסט פאַרשטיין. זיי נישט בייז.

— איך בין נישט בייז. איך בין מיד אַצינד.

— מיר'ן זיך אפשר צוזעצן, עפּעס איבערכאַפּן?

— כ'האָב דיר געזאָגט, איך בין נישט הונגעריק.

— אמת, נישט הונגעריק?

— איך האָב דיך נאָך קיין מאָל נישט געניאַרט.

— איך אויך נישט. אַלץ, וואָס איך טו, קלער צו טאָן, איז דיר געפעלן צו ווערן: נושא־חן זיין אין דיינע אויגן.

— הייבסט שוין ווידער אָן, ווי אַ קעצל באַלעקסטו זיך מיט זיסע ווערטער נאָכן כאַפּן אַ נאַש...

— זע, בעניק, די בלוזקע אויף דיר ליגט נישט גוט, די שעלקעס — פאַדרייט.

— אַלץ איז אַצינד פאַרדרייט.

— כ׳ווייס, כ׳האָב דיר אַן עוולה געטאָן.

— דו דזשאָבעסט מיט דײַן פּיסקל־שנאָבעלע אויפן אָרט פון דער ווונד...

— אַ טעות, כעניוש: אַ ייִד, אַ יידישער אָפיציר פון וויניצע. געלאָזט דאָרט אַ — —

— אַ קנאָפּע נפקא־מינה.

— גלייב מיר, ליבער כעניוש, ר׳האָט אויף מיר קיין פינגער נישט אַרויפגעלייגט...

— אַ ייִדישער אָפיציר, אַ צדיק אין פעלץ.

— נאָר די פאַנטאַזיע פון אַ מאַן, וואָס האָט ליב קאָן אַזוי אויספאַנטאַזירן. טײַערער, אַצינד זע איך, אַז דו האָסט מיך אויף אַן אמת ליב. צו וואָס שטיין? קום, מיר׳ן זיך צוזעצן אויף דער נאַרע.

ער רירט זיך נישט, כעניק. נאָענט פון אים שטייט זי. גרייכט מיטן קאָפּ צום „קנאָפּ״ פון זײַן האַלדז. ער קוקט אויף איר, איבער איר. פילט און פילט נישט דעם באַריר פון אירע הענט פאַרוואָרפענע אויף זײַנע אַקסלען. — נישט קיין הענט. שלאַנגען. זיי קריכן און קיצלען מיט די פיסעלער אַראָפּ, אַראָפּ צום האַלדז־גריבל. צעק־נעפּלען די בלוזע די קאָוערקאָטענע מאַרינאַרקע, וואָס ער האָט געכאַפּט אויף זיך בעת ער איז אַרויס פון שטוב, אין גאַראַדזשע — האָט ער אויסגעטאָן מיטן אַרײַנקומען אין קאַיוטע.

ער האָט נישט באַמערקט ווען זי האָט ס׳פּעקעלע פון האַנט אַוועקגעלייגט. נישט געפרעגט, וואָס דאָרט געפינט זיך.

אַ הייסער אָטעם יאָגט אויף אים פון אירע האַלב־אָפּגעדעקטע בריסטלעך — נאָך אַ פּאָר לעבעדיקע, אײַנגעדרייטע שלאַנגען... אַ שווידערלער־וואָרעם, שרעקיק באַגער וועקט זיך אין אים. דאָס שלענגל... ס׳שלענגל אין אים, ס׳אײַנגעדרימלטע? — ס׳הייבט שוין

ווידער דאָס קעפּל, שטעקט אַרויס דאָס רויטע צינגל... ס׳האַרץ זײַנס — אַ טײַך פליסט מיטן שטראָם פון בלוט. קאָן אַ טײַך פליסן אין צוויי פאַרקערטע זײַטן? סאָניע — האַלינאַ? אויסגעהיטן זיך אַ לעבן פון דעם זיסן גיפט, פון דעם סמענדיקן האָניק... ס׳האַרץ ברענט פון בושה. קאָן אַ ברענענדיק האַרץ זיך נאָך אַ מאָל אָנצינדן?

ביידע ליגן אויף דער נאַרע. האַלינאַ נייגט צו זײַן קאָפּ צום טאָלעכל פון אירע בריסט:

— טרינק, ליבער, טרינק מיט דײַנע דאָרשטיקע ליפּן פון מײַנע אַכצן פרילינגן...

בעניק גיט זיך מיט אַ מאָל אַ כאַפּ, אַ הייב אַרויס דעם קאָפּ, ווי פון עפּעס אָפּגעבריט:

— גיי פון מיר!

זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי האָט אָנגענומען זײַן האַנט, צוגעלייט זי, ווי ס׳זענען מיט אַ סעקונדע פריער געווען זײַנע ליפּן...

— אומשולדיק בין איך. קאָנסט עס הערן אין קלאַפּן פון מײַן האַרץ. נישט דעם פרעדסעדאָטעלס זונדל, נישט דער ייִדישער אָפיציר האָבן אויף מיר אַ פינגער אַרויפגעלייגט. איך האָב דיך ליב. די ערשטע ליבע אין מײַן לעבן.

— אַ פאַרבאָטענע ליבע.

— דו ביסט דאָך אַליין. אײנער אַליין, אַזוי ווי איך.

— וואָס האָסטו אַזוי לאַנג געהאַט מיט אים צו רעדן?

— מיט וועמען?

— מיטן ייִדישן אָפיציר.

— איך האָב אים דערציילט וועגן מײַן היים, וואָס איך האָב אַזוי פלוצעם פאַרלאָזט. אַזוי נאַריש געהאַנדלט. וועגן דיר האָב איך אים דערציילט. ער האָט מיך פאַרשטאַנען. מיך באַדויערט. איך האָב צו אים ווי צו אַ ברודער גערעדט, אַן עלטערן ברודער. נישט געפילט ווי די צײַט איז אַוועק.

„אַ פאַרלאָרענער בין איך״ — האָט בעניק צו זיך געזאָגט.

בײַם קלאָרן זינען — און װײסט נישט װאָס ער טוט. אַן אומגליק קומט אויף אים. ער קאָן זיך נישט העלפן. אַרומגענומען פון אַ פּחד איז ער. אַ שטײגער אַ מענטש האַלט אין פאַלן. — פאַלט, כאַטש ער װײסט, אַז ער שטײט מיט בײדע פיס אויף דר'ערד...

„כאַראַקטערלאָז בין איך, אַ שװאַכלינג" — האָט ער װידער אין דער שטיל זיך געמוסרט.

„אומפאַרשעמטער" — האָט ער זיך געזידלט.

אַרומגענומען זענען זײ געלעגן. זי — אײַנגענורעט דעם קאָפּ אין אים. שטיל געבליבעט. אַ כליף פון אַ האַרץ, אַ פאַרליבט האַרץ, װאָס װײנט אַן טרערן. ער — די הענט אויף אירע אַסקלען. זײ האָבן געציטערט, די אַקסלען. געציטערט און זיך געטוליעט צו אַנאַנדער.

פּלוצעם האָט אין אים זיך אַ רחמים־געפיל געװעקט. אַ צער, אַ גרויסער צער אויף זיך, אויף זײַן ביזאיצטיק לעבן, האָט פון אינעװײניק אַ שפּאַר געטאָן.

אָרעמע הײם. אַלטער זײדע. טאַטע־מאַמע קלײנערהײט פאַר־לאָזט. „זײַן װאַרשע". אַרבעט. עקסטערנע. אוניװערסיטעט און — סאָניע. זי שװאַנגערט. נאָכן געבורט, אין אַ װעלכע זעקס־זיבן חדשים — טשעכאָטשינעק, קוראָרט צופוסנס פון די קאַרפּאַטן. די אַרבעט יאָגט. ער איז פאַרװאָרפן מיט באַשטעלונגען. פּראַגע, װאַרשע און פעריפעריע — זשאַליבאָזש, מאָקאָטאָװ — בויט זיך. פיר־פינף־ און אַכט־שטאָקיקע הײַזער גלײַכמאָסיקע, אויף בעטאָנ־זײַלן — לעצטע מאָדע. װינדעס. פּאַראַדנע און אונטערשטע אַרײַנ־גענג. מאַרמאָר, װײַסער, מיט דינינקע רויטלעכע און שװאַרצע אָדערלעך, ביז האַלבע שטאָקן די הײך — באַפּוצן די אײַנגענג, װענט פון לוקסוס־געשעפטן, גרויסע װיסטאַװעס, בענק, קינאָס, מלוכהשע אַנשטאַלטן.

בעתן פּלאַנירן הײַזער — אויך אײגענע פּלענער אין זינען געהאַט: טױשן די דירה, ס'מעבל, צונעמען אַ מענטש צװײ אין ביוראָ. געגרײט זיך. אַלע, אַלע הנאות אָפּגעלײגט אויף שפּעטער.

געהאַלטן זיך אין איין גרייטן, ווי צו אַ יום־טוב, זײַן פּערזענלעכער יום־טוב. סאָניע ט'ווערן אַ מאַמע, ער — אַ טאַטע. די העכסטע צײַט. אַלץ וואָס ער טוט — אַן אויסקוק אויף שפּעטער, נאָכער, נאָכער.

וואָס האָט ער אויפגעטאָן? גאָרנישט. געלעבט מיט די פּלענער...

איז ער אַזוי קורצזיכטיק געווען? נישט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך? „נומערוס קלאַוזוס" אין די אוניווערסיטעטן. אַנטיסעמי־טישע עקסצעסן. פּיקעטן לעבן ייִדישע געשעפטן, געוועלבער. דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק מצד דער רעגירונג, וואָס האָט גורם געווען ירידה פון ייִדישן אַנטייל אין מיסחר, אין וווקס פון נישט ייִדישן האַנדל אין שטאָט און אין דאָרף.

די ייִדישע פּרעסע איז די לעצטע צוויי יאָר פאַרן מלחמה־אויסבראָך פול געווען מיט אַליאַרעם פון הונדערטער שטעט און שטעטלעך וועגן דער דאָזיקער דערשײַנונג, וואָס גראָבט אונטער די עקסיסטענץ פון ייִדישן מיסחר און בכלל — די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

אַזוי בולט איז דאָך געווען דער ווירטשאַפטלעכער אַנטיסעמי־טיזם, געשפּײַזט פון יונגן פּוילישן נאַציאָנאַליזם נאָכן באַקומען איר אומאָפּהענגיקייט. און נאָכן נצחון פון נאַציזם? ס'אַדאָפּטירן נײַע ראַסיסטישע מאָטיוון: ייִדן זאָלן האָבן אין פּוילן באַהערשט דעם האַנדל און די אינדוסטריע.

פּוילישע אינטעליגענץ — פּראָפעסאָרן, עקאָנאָמיקערס, הויכע מלוכה־לײַט — האָבן פּראָפּאַגאַנדירט מיט אַנטי־ייִדישע אַרגומענטן אַרויסגענומענע פון קאַטוילישן אַנטיסעמיטישן אַרסענאַל.

ער האָט דאָס אַלץ יאָ און נישט געזען, געוווּסט, וואָס פאַר אַ גורל דערוואַרט אים — דעם מענטש און ייִד.

ער איז עקשנותדיק געגאַנגען זײַן אינקאָגניטאָ־גאַנג צו זײַן ציל — אַ בוי־אינזשעניר און אַ גליקלעך לעבן מיט זײַן סאָניען.

מער ווי דאָס לעבן גופא, די קליינע, פאַרבײַלויפיקע הנאות — האָט אים תמיד גערייצט דאָס תכליתדיקע, דאָס תוכיקע־פאַרהאָפטע

אין לעבן. דאָס אַליינגיין איז, אמת, שווער, מידט אײַן, אָבער איז אויך אַ קאַטאַליזאַטאָר וואָס גורט אָן מיט נײַע כּוחות. דער עיקר — דאָס גיין צום צילבאַוווסטן און — נישט אַוועקגיין פון זיך. זײַן גאַנץ מיט זיך, אַזיסט — ביסטו איינער פון אַ סך. אַ שעפּס ביסטו און לויטן פּײַפל פון פאַסטעך — דאַ סטאַדי, צו דער סטאַדע.

ער איז שטענדיק געגאַנגען אינקאָגניטאָ. די איינציקע תאווה וואָס האָט אים באַוועלטיקט — אַלע אַנדערע האָט ער אַכזריותדיק פאַריאָגט — איז די הערמעטיש־געשלאָסענע משפּחה־רעם: סאָניע און שימעלע. זיי האָבן אויסגעפילט זײַן גאַנץ וועזן. נישטאָ קיין אָרט אין דער נשמה פון בן־אדם פאַר צוויי תאוות אין דער זעלבער מאָס.

אַליין האָט ער זיך אַדורכגעשלאָגן אַ וועג צום ווײַטן ליכט־פּלאַטער אין טונעל פון לעבן ביזן דערקענען סאָניען.

מיט איר איז עס געוואָרן אַליינגאַנג אין צווייען.

סאָניע און — האַלינאַ: זי, דאָס יונגע נאַריש־קלוגע מיידל דאַרף צו זײַנע פינף און דרײַסיק יאָר אַרײַנברענגען אַ נײַע ממשות אין זײַן לעבן?

נקמה פאַר אַ דערמאָרדעט קינד — האָט דער טײַוול אַליין נישט אויסגעטראַכט — האָט ער ערגעץ געהערט, געלייענט. און נקמה פאַר אַ דערמאָרדעט ווײַב און קינד? — ווער האָט אויס־געטראַכט?

און נקמה אין זיך אַליין?

האַלינאַ — אַ נײַע ממשות אויף דער שוועל פון זײַנע פינף און דרײַסיק יאָר. קאָן נאָך זײַן אַ גרעסערע נקמה אויף זיך אַליין? וואָס קאָן ער שוין איצט אויפטאָן? ווהין פאָרט ער? וואָס דערוואַרט אים? ווי אַזוי וועט ער פון דער מלחמה אַרויס, אויב בכלל...

יענע מיכשולים און טעותים זענען נישט געוועזן זײַנע אַליין. זענען געוועזן טעותים, מיכשולים פון אַ צײַט, פון אַ דור. דעם טעות, וואָס ער וועט איצט באַגיין מיטן נאָכגעבן דער נאַטירלעכער נטיה פון אַ מאַן אין אַ באַשטימטן עלטער, וואָס „לאָזט זיך נישט ליב

האָבן" פון אַ יונג מיידל צו וועלכער ער איז נישט גלייכגילטיק — וועט זײַן פּערזענלעכער מיכשול... ער וועט זיך עס קיין מאָל נישט מוחל זײַן.

פאַראַן מענער, וואָס האָבן זייער וועלט און אין דער וועלט — די פרוי.

דאָס מיידל האָט אים און אין אים — איר וועלט. ער ווייסט עס און זי — פילט עס...

לייקענען דעם דאָזיקן אמת — בין איך אַ ליגנער — האָט ער צו זיך געזאָגט.

דער גאַנצער איבערשמועס מיט זיך האָט געדויערט סעקונדעס.

— וואָס ווילסטו פון מיר — האָט ער מיט נישט זײַן קול געפרעגט.

— ליבע.

— בײַ מיר, דעם אומגליקלעכן מאַן

— בײַ דיר — אונדזער ביידנס גליק.

— אַזאַ גליק איז געגנבעט וואַסער.

— בײַ מיר — זיס וואַסער.

— דײַן ליבע איז פאַר מיר אַ בליץ: נאָכן בליץ קומט אַ פינצטערניש...

זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָלינאַ: זי האָט נאָך אַ סך געוואָלט זאָגן און ווידער זיך פאַרהאַקט, ווי אַ קאַליע געוואָרענער שלאָס: אַ שלאָס פון אַ טויבנשלאַק. ווערטער־טײַבעלעך זענען שטעקן געבליבן אינעווייניק... איינציקע ווערטער, ווי פעדערן אויסגעריסענע פון געממיתטע „טײַבעלעך" — אין דער לופטן צעפלויגן...

זי האָט ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט:

— דו ביסט דאָך אַזאַ גוטער, פאַר וואָס לאָזסטו זיך נישט ליב האָבן?

קאַפּיטל יב

שפּעטע נאַכט. אַ הייזעריק פּײַפן. דער פּאַראַכאַד פּאַרקערעוועט צום ברעג. אַלע אויף די פיס. אַן אײַלנדיק לויפן איבער די טרעפּ אַרויף און אַראָפּ. ליכטיק געוואָרן אין די קאַיוטעס פון צווייטשטאָקיקן הויז. אַ שלעפּן זיך מיט פּעק, טשעמאָדאַנעז. געזעמלען אויפן דעק. אַן ענגשאַפט בײַ די באַריערן נאָענט פון אַרויסגאַנג.

דאָס פּאָרל, די שכנים פון זייער קאַיוטע, קומען אָן. נעמען זיך פּאַקן. כעניק פאַרעט זיך אַרום זײַן פּלעצאַק. האַלינאַ — אַרום איר וואַליזקעלע און האַנט־טאַש.

ערשט נעכטן געווען אין באַגאַזש. הייסט עס — גיט האַלינאַ אויף גיך אַ טראַכט — צעטיילט דעם בשותּפותדיקן „פּאַרמעג". — אָפּגעזונדערט ליגט איצט דער צעטיילטער באַגאַזש. וווּנדערט איר: לויטן לעצטן איבערשמועס האָט ער איר אויסגעזען, כעניק, אַ סך רויִקער, ווי בעת איר אַרײַנקומען. אמת, גאַרנישט געשען צווישן זיי. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען. ער האָט איר געלאָזט ריידן. זיך איבערצײַגט, אַז צווישן איר און דעם ייִדישן אָפיציר איז געשען בלויז אין זײַן פאַנטאַזיע. אַ סימן — ער האָט זי אויף אַן אמת ליב. ער'ט זי נישט לאָזן אַליין דאָ, אין דער פרעמדער, אין דער גרויסער שטאָט.

— איז ווּ גייען מיר אַצינד, כעניוש?

— האָסט דאָך דאָ אַ פעטער.

— כ'ווייס דאָך נישט דעם אַדרעס.

— אין פּאַספּאַרטנע סטאָל.[40]

— אַליין גיין אַהין?

40. עווידענץ־ביוראָ.

— איך גיי אין וואָיענקאָמאַט.
— גיי איך מיט דיר.
— צו וואָס ? — מיר געזעגענען זיך אַצינד.
— לאָזסטו מיך אַליין ?
— מיט דער האָפענונג צו טרעפן דאָ דײַן פעטער.
— כעניוש, קאַכאַני...
— זיי געזונט, האַלינאַ.

✶

דאָס האַרץ פון אַ מענטש, בפרט אַ ליבנדיק האַרץ, וואָס וועט קיין מאָל נישט שלום מאַכן מיטן אומפאַרמײַדלעכן — האָט אויך איצט, די לעצטע מינוטן פון געזעגענען זיך, נישט אויפגעהערט האָפן, וועבן זײַן חלום אויף דער וואָר:

„ניין, ס'איז נישט דאָס לעצטע מאָל": „נישט אַלע ווערן אין אַ מלחמה דערהרגעט", „ווי ער זאָל נישט זײַן וועט ער זי נישט פאַרגעסן".

זײַן שווײַגן, דער שטאַרקער האַנטדרוק, דער הייסער קוש אויף איר שטערן און ביידע באַקן — האָט ווי אַן עכאָ פון זײַן הויכן שווײַגן דאָס דאָזיקע באַשטעטיקט. דאַכט זיך, אַז זײַנע ליפּן האָבן אויך געשטאַמלט, עפּעס געוואָלט זאָגן און נישט געזאָגט.

און זי האָט געענטפערט:

— דאָווידזעניאַ, דאָ זאָבאַטשעניאַ.[41]

✶

גאָרקי. ווידער פּריסטאַן. אַליין. אין איין האַנט אַ וואַליזקעלע, אין דער צווייטער — אַ פּעקעלע און אין זיך — אַ געפילן־באַגאַזש, וואָס דריקט און שווערט אַראָפּ, לייגט זיך נאָך שווערער אויפן געמיט. עס מאַכט זי אַזוי קליין, קלענער ווי זי איז.

41. צום ווידערזען.

אַ סך מענטשן אין אײַליקן געגײ און געלויף אַרויס און אַרײַן דורך די צעעפנטע טירן. וואָס מער מענטשן — אַלץ גרעסער די בדידות. נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. און ווען יאָ — האָט זי סײַ ווי נישט דעם מינדסטן אינטערעס ס׳מויל צו עפענען. אויך פון קיינעם קיין וואָרט נישט הערן. מיט קיינעם זיך נישט טיילן מיט דעם וואָס זי לעבט איצט איבער. שוין בעסער אַליין מיט זיך: שלינגען די בדידות, ווי איינער שלינגט ביטערע פּילן. — שלעכט צו פאַרדײַען. שפּעטער וועט אפשר גרינגער ווערן.

דערווײַל שטייט איר פאַר די אויגן ס׳געשטאַלט פון דעם מאַן, וואָס איז איר אַזוי אַרײַן אין האַרצן: זײַן טרויעריקער שמייכל, ס׳אַראָפּבייגן זיך צו איר און אָפּפּרעסן דרײַ קושן, זײַן וואַרעמער און קרעפטיקער האַנטדרוק און... ס׳אָפּדרייען זיך, ס׳גיכע פאַר־שווינדן...

אַליין אויף דער שוועל פון אַזאַ גרויסער שטאָט אין דער ווײַטער פרעמד.

אַ העלער נעפּל פאַרשטעלט די זון. פון אונטער אַ שנייוואָלקן שנײַדן זיך אַרויס זונפאַסן, ווי רויטע, רויע שטיקער רינדפלייש צעלייגטע אויפן הימלראַנד, ווי אויף אַ טעלער. אַ קאַלטע זון, וואָס העכער — אַלץ קעלטער. אַ פראָסטיקע לופט. עס שטשיפּעט אין די אויערן. ס׳פּנים מיטן לעצטן ביסל וואַרעמקייט פרירט אויף איר. ס׳ראָז אויף די באַקן, פּילט זי, גייט אָפּ ווי אַ פראָסט אויף אַ זוניקער שויב.

אַליין אין גאָרקי, ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן — אַליין. אַפילו ווען זי איז פון שטוב אַרויס מיט אַ קליין פּעקעלע אונטערן אָרעם און ס׳קליידל וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן, צום בוג געלאָפן — איז זי אויך נישט געווען אַליין. אַ סך האָבן זיך דעמאָלט געריסן צו דער גרענעץ. דאָס גלײַכן — אין וואָגאָן ווערבירטע אויף אַרבעט — ייִדן, גאַנצע משפּחות. נאָך דעם — גאָראַדיָע.

אַצינד? אָן עסן־זאַפּאַסן, אָן געלט, אָן עפּעס וואָס פון זיך אַראָפּצופאַרקויפן אָדער — אויף טוישן. איר פּעטער? — „זוך אַ

ווינט אין פעלד" — האָט ער איר איין מאָל געזאָגט, כעניק. אַוודאי פאַרשטאַנען, אַז ס'איז בלויז אַן אויסרייד געווען: אַ פּאַרטל, אַ טריק פון אַ פרוי, אַ נאַריש פאַרליבט מיידל...

אַ דאָפּלט געפיל — האַרב און אָנגענעם — איז אין איר אויפגעגאַנגען. אַ ווילן אָנטאַפּן מיט די פינגער די ערטער אויפן פנים און שטערן, וווּ זיינע ליפּן האָבן באַרירט: „באַקוקן די האַנט, וואָס איז אָקערשט געווען אין זיינער: אויפהאַלטן וואָס לענגער אין זכּרון די געציילטע מינוטן פון געזעגענען זיך.

„דאָ ווידזעניאַ, דאָ זאָבאַטשעניאַ"... וואָס דען האָט זי געזאָלט זאָגן, אַז ס'ווערעמל — ספק — טאַטשעט אין האַרצן?

צי וועט זי אים נאָך זען אַ מאָל? און צי... בכלל.

זעט זי דאָך באַשײַמפּערלעך, האַלינאַ, אַז געשעענישן, מענטשן האָבן זייער גורל, לאָגיק: אוי, אומברחמנותדיקע לאָגיק.

מיט זיינע טאָג־טעגלעכע מעשים, פאַרטלען וועט דעם מענטש קיין מאָל נישט אײַנפאַלן, אַז זיי זענען אָפט גורם צו להיפּוכדיקע רעזולטאַטן:

געמיינט האָט זי מיטן פאָרן צום פעטער קיין גאַרקי — אַרויס פון קאַלכאָז, אַוועק מיט אים אין אַ שטילן ווינקל פון דעם גרויסן לאַנד, וואָס פיבערט מיט מלחמה. אַ ווינקל פאַר ביידע אויף איבערוואַרטן די מלחמה־צײַט. און וואָס האָט זיך באַקומען? באַקומען האָט זיך ס'פאַרקערטע.

די פרײַע בחירה פון מענטש איז אַן אוצר — האָט איר איין מאָל כעניק געזאָגט — אָבער ווער איז דער היטער פון דעם אוצר? — דער שׂטן...

✶

אַ טאָג־צוויי פאָרן אַראָפּגיין פון פאַראַכאָד האָט ער געהערט אַז סוף נײַן און דרײַסיק, אָנהייב פערציקסטן יאָר, זאָלן ייִדן געכאַפּטע אויף אַרבעט, אַנטלאָפענע, אַרויסגעיאָגטע פון די היימען, האָבן אַריבער די נײַע פּויליש־סאָוועטישע גרענעץ בײַם בוג, וואָס איז נאָך שוואַך באַוואַכט געווען.

פון זײַן שטעטל ק. איז סך־הכּול פופצן, אַכצן קילאָמעטער צו דער גרענעץ.

אין דער געגנט פון קאָזאַן׳, אין אַ קאָלכאָז „לענין״, זאָלן זיך געפינען עוואַקויִרטע ייִדישע משפחות. אפשר איז געלונגען דעם אַלטן זיידן, ביינישלען, סערקעלען מיט די קינדער זיך צו ראַטעווען? נישט געזען זיי זינט יענעם אַהיימקומען אויף פּסח. ער מוז זיך אַהין דערקלײַבן. טרעפט ער קיינעם נישט — איז אויך אין קאָזאַן׳ דאָ אַ וואַיענקאָמאַט.

האַלינאַ ווייסט דערפון. בעתן פונאַנדערטיילן דעם בשותּפות־דיקן באַגאַזשט — האָט ער איר דערציילט. זי האָט אים געהאָלפן מאַכן „זײַן קלומעקל״ און דעם פּלעצאַק.

— זײַ מצליח — האָט זי אים געווונטשן.

און ער האָט איר געזאָגט:

— יאָ פעטער, נישט פעטער: מאָביליזיר זיך. ווער אַ שוועסטער.

דעם זעלבן טאָג וואָס ר׳איז אַראָפּ פון פּאַראַכאָד, איז ער מיט דער ערשטער באַן אַוועק זיי אויפזוכן.

אַרום אַ זייגער אַכט, נײַן אַוונט אַרײַן אין באַן. מ׳פּאַרט שוין היפּשע עטלעכע שעה. לאַנגע לאָקאָמאָטיוו־פּײַפן שנײַדן זיך אַרײַן אין דער נאַכט. אַ שניי אין דרויסן. די באַן יאָגט, שלינגט די ווײַסע לײדיקייט. אַלע באַגאַזש־פּאָליצעס, בענק זענען פאַרלייגט, באַזעצט. פּעק, טשעמאָדאַנען. מענטשן — זיצנדיקע, שלאָפנדיקע. מ׳שטייט בײַ די פענצטערלעך. טונקעלע באַלויכטונג באַרעט זיך מיטן רויך און קאָפּעטש. אַ ריח פון מאַכאָרקע, שווייס.

שלעפעריק. הונגעריק. מיד. פון שטיין בײַם פענצטערל שעהען לאַנג — זעצן זיך די פיס. ער מוז טוישן די שקאַרפּעטקעס, אַראָפּ־וואַרפן פון זיך ס׳שווייסיקע העמד. ער וויל צעפּאַקן ס׳קלומעקל, וואָס איז מיט צוויי רימעטלעך צום פּלעצאַק צוגעפּאַסעוועט — און ס׳קלומעקל איז נישטאָ. אַ פּאָר וועש, אַ סוועטער, אַ פּושקעלע שמאַלץ און אַ ברויט איז דאָרטן געלעגן. אַלע אַוועקגעגנבעטע זאַכן האָבן אים נישט געאַרט, ווי דאָס ברויט. אַ לענגלעך ראָזעווע

ברייטל, וואָס איז ווי אַ גאָלדשטיק אײַנגעוויקלט געלעגן אין סוועטער. דאָס האָט ער אין בופעט אויפן פּאַראַכאָד געקויפט.

בעניק האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט אַזוי שוואַך, אַזוי קליין. וואָס שוואַכער, קלענער ער איז בײַ זיך געוואָרן — אַלץ גרעסער וואַקסט דאָס ברויט אויס אין זײַנע אויגן. די צווייטע גנבה. געגווי ווי אויפן פּאַראַכאָד — איבערגעשניטן ס׳רימענדל — אַ געלונגענער ספּאָסוב...

קורצער, אָפּגעהאַקטער פּײַף, פּאַרלאַנגזאַמטער רעדער־גע־רויש — האָט אים אויפגעטרײַסלט. צו די אויערן דערטראָגט זיך אַ דין סווישטשען פון אַ קאָנדוקטאָריש פּײַפל. באַקאַנטע סימנים: „אַ סטאַנציע״.

בעת דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט ער זיך געפונען נאָענט פון דער טיר. זי האָט זיך פּלוצעם אַן עפן געטאָן. ער איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין דרויסן.

פריִער פאַרטאָג. דער שניי בלויט. ער פילט די אײַנגעפּראָס־טיקטע ווײַסקייט אונטער די טריט פון זײַנע וואַליקעס. ער גיט זיך אונטער, דער שניי, מיט אַ סקריפּ. מיט סקריפּ און כריפּ פון ווייכן ווידערשטאַנד. ווי אויף פריש־אָנגעיאָגטע זאַמדן, האָבן די טריט געטאָפּטשעט אין אייגענעם אָפּדרוק.

אַ מענגע מענטשן אין אַ לויזער אָטשערעד שטייט אַרום אַן איינציקן קראַן: פּאַרעדיק וואַסער האָט זיך פון קראַן געגאָסן. „קיפּיאַטאָק״. „קיפּיאַטאָק״.

וואָס פאַר אַ זין האָט צו שטיין און וואַרטן מיט ליידיקע הענט. די קעלט עסט די ביינער. פּראָסט קריכט דורך די וואַליקעס אין די פיס, העכער, העכער ביז אונטערן האַרץ.

אַנטקעגן מיטן ווײַסן פעלד האָבן זיך געזען פענצטערלעך מיט פּאַרקאָוועטער רויטקייט. ער האָט זיך געלאָזט מיטן ווײַסן וועג צום ליכט פון אַ כאַטע. ער איז שטיין געבליבן בײַ דער טיר.

— ווער איז דאָרט?

— אַן אייגענער.

— פון וואַנען?

מיטן באַן, וואָס איז אָקערשט אָנגעקומען.

— פון וואַנען קומט די באַן?

— פון גאַרקי.

אין פענצטערל איז ליכטיק געוואָרן. פון אינעווייניק איז אַ קייטעלע געפאַלן. די טיר האָט זיך געעפנט. פאַר אים שטייט עפּעס איינגעוויקלטס אין אַ קאַזשוך: ספק מיידל, ספק פרוי. פון דאָ ווו ס׳דאַרף זײַן קאָפּ — קוקן אַרויס צוויי אויגן. צעשויבערטע האָר האָבן פאַרשטעלט דאָס פנים.

— פּאַזשאַלויסטאַ.[42]

איין פאַרלאַנג האָט בעניק געהאַט בײַם איבערטרעטן די שוועל: צוזעצן זיך. פילן אונטער זיך אַ בענקל. אַן אַנלען. אַ געלעגער. אַראָפּציִען די שווערע, שנייִקע וואַליקעס, וואָס זענען ווי צוגעוואָקסן צו די פיס, בייטן די לײַזיקע וועש.

די באַלעבאָסטע האָט, אַ פנים, אַנדערש פאַרשטאַנען: קומט ווער אַרײַן — דאַרף מען ס׳ערשטע — שטעלן אויפן טיש.

איידער בעניק האָט פון זיך די פופּײַקע אַראָפּגעוואָרפן, איז פון מענערשן פעלץ געוואָרן אַ יונגע פרוי. אַ פרוי אין אַן אויס־געפּאַסטן באַרכעטן קליידל, צוויי רונדיקע, פולע בריסט — פאַרעמלאָז פאַרקוועטשט. די נאַקעטע פיס — אין האַלבע וואַליקעס.

כאָטש אין דרויסן האָט שוין געשאַריִעט, האָט זי דאָס וואַנט־לעמפּל אַרויפגעדרייט, ווי זי וואָלט דערמיט וועלן פאַרלענגערן די נאַכט.

איין חדר. צוויי בעטן צוזאַמענגערוקטע. אַנטקעגן די בעטן — אַן אַלטער קאָמאָד.

זי איז פלינק צו צום ערשטן בעט, ווו ס׳ליכט איז געפאַלן אויף אַ קינדיש קעפּל. אַרומגעדעקט דאָס קעפּל מיט אַ קאָלדרע.

דאָס ליכט, די וואַרעמקייט און ס׳שווײַגן פון ביידע — האָט

42. ביטע.

אים איינגעשלעפּערט אַ זיצנדיקן. פאַר זיינע אויגן האָט געשווינדלט מיט רירעוודיקער ווייכקייט, מיט ספּריט, גלייך אַ קאַץ וואָלט זיך אַרום אים געדרייט. ער האָט נישט געזען, וואָס אויפן טיש טוט זיך. נישט די פּענעצלעך ברויט. נישט די קאַרטאָפל אין מאַנטעלער. עפּעס האָט ער יאָ און נישט געהערט איר אַרומפּאַרען זיך, איר לויפן פון איין ווינקל שטוב צום צווייטן. ס'קלאַפּן פון די קאַמאַד־טירלעך. געזוכט, אַ פּנים, מיט נאָך עפּעס דעם טיש באַשיינען.

בעניק האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ גרינגקייט, ווי ער וואָלט פון זיך אַ שווערע מאַסע אַראָפּגעוואָרפן. ס'איז אים גוט געוואָרן אין אַלע אברים. אַן אַנגענעם שטשיפּעניש אין די שפּיץ פינגער פון די פיס. אויך דאָס בייסעניש האָט מיט אַ מאָל אויפגעהערט. אַט ציט מען אים די וואַליקעס פון די פיס אַראָפּ. ווייכע, וואַרעמע פינגער. פרוייִשע הענט. סאָניע? האַלינאַ? ווי אַזוי קומען זיי דאָ אַהער? ווו איז ער?

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. געקוקט אויף זיינע נאַקעטע פיס אין אַניצעס פון ווייסן ליאַנען ליוונט. געקוקט אויפן פרעמדן פּנים אַנטקעגן אים:

— וואָס איז דיר! קראַנק? אפשר פאַרוווּנדעט?

— גאָרנישט.

— טרינק אויס, דערוואַרעם זיך.

— אַ דאַנק.

— נישטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען. נישטאָ מער ווי דאָס אויפן טיש.

— איך בין נישט הונגעריק. לאָז עס פאַרן קינד.

— ניטשעוואָ. מען וועט נישט פאַרהונגערט בלייבן. זעסט — האָט זי אַנגעוויזן אויף דער ברענענדיקער הרובע אין ווינקל שטוב — דאָ טריקענען זיך דיינע וואַליקעס.

ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ווי אַזוי זאָל ער איר זאָגן נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען. ווי אַזוי האָט ער זיך בכלל דאָ פאַפּאַדיעט. אַז ער מיינט נישט דאָ צו פאַרבלייבן.

אַ סטאַנציע. נישט מער. פּשוט, אַ ביסל קיפּיאַטאָק, קיין קאַטיאָלאָק נישטאָ, קאַלט. וועט ער דאָ איבערוואַרטן ביז אין דער פרי און ווײַטער פאָרן. ער מוז ווײַטער פאָרן. ער זוכט עמעצן.

— וועמען זוכסטו? וווּהין דאַרפסטו?

— אויף קאַזאַן, הינטער קאַזאַן אַ קאָלכאָז „לענין". קרובים דאָרטן. און די באַן איז געפאָרן אויף סאַראַטאָוו. אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

זײַן שעמעוודיקייט, דער שלעכטער רוסיש, האָבן קאַנטיק נאָך מער אין איר מיטגעפיל געוועקט. אַ מיטגעפיל און אַ מין נײַגער צום פרעמדן מאַן, אַ יונגער מענטש וואָס האָט צו איר פאַר־בלאָנדזשעט.

— נו, וועסטו צוריקפאָרן. ס'ט באַוויַזן, מאָלאָדאָי טשעלאָוויעק.[43]

— ווען גייט אָפּ אַ צוג דאָ?

— ס'ט באַווײַזן, טרינק אויס, פאַרבײַס, אַוודאי לאַנג שוין נישט געגעסן.

כעניק האָט פאַרשעמט, אין גרויס פאַרלעגנהייט, געשטרעקט די האַנט צום פאַרבײַסעכץ. זי האָט נישט געגעסן. זי איז זאַט. אַ סך קאָלכאָזן אין דער געגנט — האָט זי מיט אָפּגעריסענע ווערטער אים געוואָלט אַרויספירן פון פאַרלעגנהייט. דאָ, אין דער געגנט, פעלט נישט קיין עסן. וואָלט זי נאָר געוווּסט, ווי ער איז: אָ, די פאַרשאָלטענע מלחמה. דעם ערשטן טאָג פון מאָביליזאַציע אים פון שטוב אַרויסגענומען. אַוועק מיט דער וואָלגע.

זי האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז טיי. צוגערוקט נענטער צו אים ס'שיסעלע קאַרטאָפל. אויפגעהויבן זיך און צוגעגאַן צום פענצטערל. אַ הויך געטאָן און אַ בליק געוואָרפן דורך דעם אָפּגעגאַנגענעם שטיקל שויב:

— זע, די באַן איז שוין אַוועק. פון לאַנג אַוועק. רו זיך אָפּ

43. יונגער־מאַן.

אַ ביסל, מאַלאַדאַי טשעלאַוויעק. טרינק אויס די טיי און לייג זיך צו — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף אַ בעט קעגן שלאָפנדיקן קינד.

זי האָט נישט געהערט, אַז אין דער געגנט פון קאַזאַן זאָל זײַן אַ קאָלכאָז „לענין". איר מאַנס עלטערן וווינען דאָרט. ער איז דאָרט געבוירן. כּמעט יעדן יאָר צו ראָזשדעסטוואָ קומט מען אַהין. ווּ, ווען האָט ער דאָס געהערט? מ'באַקט ליגנס, מעשׂיות. מלחמה. מענטשן זענען מבולבל. זשאַלקאָ, אַ שאָד.

האָט ער געזען, כּעניק, אַז פון דער גאַנצער מעשׂה האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

איבערגעשלאָפן אַ שעה־צוויי, אַראָפּ פון וויַכן, וואַרעמען געלעגער, געדאַנקט דער סימפּאַטישער באַלעבאָסטע פאַר אַלץ וואָס זי האָט פאַר אים געטאָן און — צוריק קיין גאָרקי אין וואַיענקאָמאָט.

אָט וואָס ער קאָן נאָך אויפטאָן: נקמה פאַר זײַן פרוי און קינד: ראַטעווען זייער זכרון און — זיך אַליין... ניין. ער וויל נישט זײַן קיין „גערױ" נישט פאַרן פּאָלק — ייִדישן אָדער נישט ייִדישן — גייט ער פריַיוויליק אין מיליטער. נישטאָ אַזאַ האַמאָגענישע קערפּער־שאַפט. פּאָלק איז, ווערליק אים, אַ קינסטלעכער באַגריף: ווערט אויסגענוצט צו אידעאָלאָגישע אָדער מלוכהשע — אָדערביידע צוזאַמען — אינטערעסן אין שלום־צײַט און אין מלחמה.

פּאָלק איז אַ קאָלעקטיווער איינס צעטיילט אויף קלאַסן, שיכטן, גרופּעס און אינדיווידומס. יעדער פון די דאָ אויסגערעכנטע זעט דאָס לעבן, דעם טויט לויט זײַן מעמד, אָרט אין דער געזעלשאַפט, עקאָנאָמישן שטאַנד און השׂגה.

פּאָלק איז אַ מאַסע יחידים, געגנוי ווי אַ ליניע איז אַ גראָדער אויסלייג פון פּינטעלעך.

ערשט די אינטערעסן־האַנט — אידעע, נאַציאָנאַלע כּוונה, מלוכה, רעליגיע — מאַכט פון די איינסן־פּינטעלעך — די ליניע... נעמט אַלע אונטער איין „דאַך" פון קאָלעקטיווער אחריות, ציל־און־צוועקמעסיקייט, נישט רעכענענדיק זיך מיט די אינטערעסן,

שטרעבונגען, וועלונגען, מיט דער לעבנס־פילאָסאָפיע פון פּרט, ווי אויך די וועגן און מיטלען צו דערגרייכן דאָס געוווּנטשענע: וועגן און מיטלען, וואָס זענען אַזוי פאַרשיידן, אַנדערש, ווי די פּנימער פון מענטשן.

מעגלער — האָט ער צו זיך געזאָגט — אַז ס'איז פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע קורצזיכטיקייט. צוליב דעם זאָל ער אויך פאַר דער מלחמה האָבן נישט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך. מעגלער, אַז דאָס איז עגאָיִזם, אינדיווידואַליזם. נישט וויכטיק דער „איזם". וויכטיק דער „איז": מ'דאַרף זײַן וואָס מען איז און נישט קיין אַנאָנימער „איינס" אין פאָלק, אין וועמענס נאָמען אַלע רעדן.

פאַר זײַן פערזענלעכן וויל האָט ער שווער געאַרבעט. אָפּ־געלייגט אַלע הנאות אויף „נאָכער", „נאָכער". עקסטערניסט. מיט אייגענע כּוחות זיך געבויט, געבויט זײַן משפּחה־לעבן. פאַר זײַן „וויל", „פאַר זײַן „עגאָיִזם" — נקמה — גייט ער איצט פרײַוויליק אין וואָיענקאָמאַט.

קאַפּיטל יג

ווידער גאָרקי. אויפֿן וועג אין וואָיענקאָמאַט איז ער פּלוצעם פֿון אַ טרויעריק געפֿיל אַרומגענומען געוואָרן: אַ טרויער איבערן גורל און גאַנג פֿון מענטשנס לעבן, ליבן: זייערע זינד און זינדיקע מחשבות: זייער באָרען זיך אין שטענדיקן קאָנטראָל איבער די פּירעכצער און מעשׂים.

ווי הינט באַפֿאַלן אים די טראַכטענישן. ער יאָגט זיי אָפּ פֿון זיך און זיי לויפֿן אים נאָך.

האַלינאַ. אַוודאי אַ שאָד. באַדאַרפֿט אפשר נישט לאָזן זי אַליין. איינע אַליין אין אַזאַ כּרך. אַזוי שטאַרק פֿילט מען דאָ די מלחמה אויף מענטשנס פּנימער. אַכזריותדיקע מלחמה־סימנים — פּחד און נערוועזיטעט פֿאַר די קומענדיקע טעג מיטן דערנענטערן זיך פֿון פֿראָנט: דאָנבאַס פֿאַרנומען. מ׳גייט אויף קאַווקאַז. אַריבער דעם דאָן.

ווי אַזוי וועט זי זיך דאָ אָן עצה געבן?

ער דערמאָנט זיך האַלינעס לעצטן קוק אויף אים — וואַרעם און טרויעריק. פֿון רגע צו רגע אַראָפּגעלאָזט אירע וויִעס, ווי אין דרימל, און באַלד צוריק זיי געעפֿנט אַדורכגענומענע ווי מיט נײַער דערוואַכונג. אין אירע ביידע מוילווינקלען — אַ פֿאַרבאָרגענער שמייכל, וואָס וויל זאָגן, אפשר בעטן:

— גיי נישט אַוועק, פֿאַרלאָז מיך נישט.

און זיכער איז ער, אַז זי האָט געוווסט: „די גאַנצע מעשׂה מיטן פּעטער איז אַ בוידע, נישט־געשטויגן, נישט־געפֿלויגן, סתּם אַ נאַריש פּלאַפּלען פֿון אַ פֿאַרליבט מיידל.

ערשט אַצינד זעט ער, און נישט צום ערשטן מאָל, וויפֿל כּוח אַ מענטש דאַרף האָבן אין זיך, כּדי צו קאָנטראָלירן זײַנע געניג, געוועלטיקן איבער זײַנע אימפּולסן.

אַז עוולה קעגן האַלינען? ווי האָט ער אַנדערש געקענט האַנדלען? גיין מיט איר? אַז אוכּאַזשאַר ווערן, האַ? געפונען אַ צײַט! נאָך אַזאַ אומגליק און אין אַזעלכע גורלדיקע טעג? און ווי האַלט ער מיט זיך אַליין? אין וואָיענקאָמאַט? און פון וואָיענ־קאָמאַט? וווהין? — איז דאָס טרויעריקע געפיל איבערגעגאַנגען מיט אַ מאָל אין אַ רחמים אויף זיך אַליין. ער האָט איר דאָך געזאָגט: „יאָ פעטער, נישט פעטער. מאָביליזיר זיך. ווער אַ שוועסטער".

נישטאָ איצט קיין אַנדער וועג צו לעבן: נקמה. און הילף פאַר די, וואָס נייטיקן זיך אין דעם — פאַרוווּנדעטע פון די פראָנטן.

דאָ, אין גאָרקי, האָט מען בעניקן פון וואָיענקאָמאַט מיט אַ גרופּע מאָביליזירטע אָפּגעשיקט אין אַן אונטעראָפיצירן־שול אויף אַ דרײַ־חדשימדיקן קורס. צוויי וואָכן פאַר נײַ־יאָר — אַ נאַסטאַיאַשטשע אונטעראָפיציר. צוגעטיילט אים צו אַ פאַנצער־אָפּטיילונג פון צווייטן קאָרפּוס פוילישער אַרמיי. אַ סך ייִדן אין זײַן קאָמפּאַניע — רוסיש־פוילישע אָפיצירן. גענעראַל פון קאָרפּוס — וולאַדימיר קימער. דער פּאָלקאָווניק — הערשקאָוויטש. דער מאַיאָר — זינגער. די מערסטע מאָביליזירטע — פרײַוויליקע.

דער פראָנטאָפּשניט — פון סמאָלענסק ביזן בוג דאַרף מען גיין. פאָלג מיך אַ גאַנג... די סאָוועטישע פאַרטיידיקונגס־כּוחות זענען איצט אין שווערער לאַגע. פאַרביסענע שלאַכטן. אַטאַקן און קאָנטעראַטאַקן. אויף הונדערטער קילאָמעטערס ציט זיך דער פראָנט. יעדער קעגנאַנגריף מצד די סאָוועטישע כּוחות — אַן הצלחה און מיט גרויסע פאַרלוסטן. די אַרמייען, מיליטערישע איינהייטן — מערסטנס צונויפגעקליבענע סאָלדאַטן פון צעקלאַפּטע דיוויזיעס: אָפיצירן, אונטעראָפיצירן, און קאָמאַנדירן פון פאַנצער־אָפּטיילונגען — אַ געמיש פון אויסגעדינטע עלטערע סאָלדאַטן, ייִנגערע, אַנטלאָפענע, געראַטעוועטע פון דײַטשישע אַרומרינגלונגען, רעזערוויסטן און נײַ־אויסגעשולטע — אין אײַלעניש פאָרמירטע באַטאַליאָנען און — הײַדאַ.

כעניקן — דעם אויסגעדינטן פוילישן מיליטער־מאַן, צוגעטיילט צוועלף מענטשן. ער איז אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאַנצער־אָפּטיילונג.

דײַטשישע אַוואַנגאַרדן, מעלדעט מען, רײַסן זיך פאָרויס שפּיצנווײַז, לענג־אויס דעם פראָנט: שטעכן זיך אַרײַן אין לעבעדיקן „פלייש" פון די סאָוועטישע כּוחות.

טאַנקן־איינהייטן — אויף דער יבשה. אַוויאַציע, כּמעט אומגעשטערט — מאַכט „ווייכער", „לויזער" די קאָנטעראַטאַקן. פּאַראַשוטיסטן — אויף אַלע וועגן, הינטערוועגן, שטעט און דערפער.

אָפּטע, אומגעריכטע אָנפאַלן פון עסקאַדרעס עראָפּלאַנען. שווערע, רוצחישע באָמבאַרדירונגען זייען חורבן, פאַרניכטונג, טויט. אויף נישט ווייניק אָפּשניטן געלינגט די דײַטשישע כּוחות פאַראיינִיקן זיך און נעמען אין „זאַק" אַרײַן טיילן פון סאָוועטישע צעקלאַפּטע דיוויזיעס. דערשלאָגענע, פאַרווונדעטע, אויסגעהונגערטע, ציט מען זיי אָפּ פון פראָנט אין הינטערלאַנד פון שׂונא — פּלען.

דער פּרײַז פון די זיגערישע כּוחות איז, וואָס אַן אמת, דייער אַ טײַערער. דער „בליצקריג" פאַרציט זיך לענגער, ווי ס'איז פאָרויס־געזען און דאָס שוואַכט מאָראַליש אָפּ דעם אָנגרײַפער. די סאָוועטישע חיילות גורטן זיך אָן מיט כּוח, אָרגאַניזירן זיך פון דאָס נײַ, גרייטן זיך אויף אַ לענגערער מלחמה. צײַט. צײַט — זאָגט מאַיאָר זינגער — איז דאָס סאָוועטישע „געווער", דאָס בעסטע היילמיטל אויפן צעווונדיקטן קערפּער פון גרויסן סאָוועטן־לאַנד. הינטערלאַנד גרייט נײַע כּוחות, נײַע קאַדערס.

✶

דײַטשישע כּוחות בײַ די טויערן פון מאָסקווע. לענינגראַד — אַרומגערינגלט. אומאויפהערלעכע לופטאָנגריפן. פּראָוויאַנט, מעדיקאַמענטן, וואָס הייבן אָן אויספעלן — מיט דער לופט. ברויט — אויף די גראַמען געוויגן, ווי גאָלד. דאָס גלײַכן — לעבנמיטל. מענטשן פאַלן פון הונגער אויף די גאַסן, אין די שטובן. אַרבעטער אין די פאַבריקן — בײַ די סטאַנאָקן, מאַשינען. כּסדרדיקע באָמבאַרדירונגען, באַשיסונגען פון מאַשינגעווער, האַרמאַטן.

לויט אַ באַפעל פון „אויבן" — די גרעסטע טייל פאַבריקן פון לענינגראַד און סביבה — עוואַקויִרט.

און נאָך אַ באַפעל פון „אויבן": אין לענינגראַד, מאָסקווע טאָר דעם שׂונאס פוס נישט אַרײַנטרעטן. די פאַרבליבענע פאַבריקן, וואַרשטאַטן — לאָזן אין גאַנג פאַר יעדן פּרײַז: נישטאָ קיין טײַערער פּרײַז פאַרן זיג פון דער פאַטערלענדישער מלחמה. די געפאַלענע בײַ די מאַשינען, סטאַנאָקן — פאַרבײַטן אויף אַנדערע.

אויף די אײַזנבאַן־וועגן פון גרויסן, גראָען לאַנד — לאַנגע וואַגאָנען־קייטן. אַ שנײַדיק פײַפן פון לאָקאָמאָטיוון בײַ טאָג און בײַ נאַכט. אַ רעדער־געקלאַפּ, אַ גרילצן פון שינעס אונטער שווער באַלאַדענע וואַגאָנען פאַרצויגן מיט פלאַנדעקעס. טאַנקן, טיילן פון עראָפּלאַנען, אַמוניציע, שטאָל און אײַזן און — ברויט צו די פראָנטן. אין מיזרח־אייראָפּעיִשן רוסלאַנד — די דײַטשן. ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע, ווו דעם שׂונא איז געלונגען אַרײַנצודרינגען: אויך אין די גרויסע שטעט — לעמבערג, סאַרנע, קאָוועל, קיִעוו. דאָס גלײַכן — ביאַליסטאָק, באַראַנאָוויטש, סטאָלפּצע, אָרשע, מאָגילעוו, מינסק. אַלע שטעט, אָרטשאַפטן — באַזעצט, אָקופּירט. וואָס דאָרט קומט פאָר ווייסט מען...

צוריק פון די פראָנטן קיין טיף רוסלאַנד — פאַרזיגלטע טיִעפּלושקעס. פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. דורך קליינע קראַטן־פענצטערלעך, דורך ברעטער־ריסן, שפּאַלטן: דורך דורכגעלעכערטע וואַגאָנען־ווענטלעך — באַנדאַזשירטע קעפּ, פּנימער אין יסורים־גרימאַסן, בלוט־געפלעקטע שינעלן, בלוט־פאַרלאָפענע אויגן. נישט קיין בייזע אויגן. גוטע, מענטשלעכע. אַ שטום געבעט פון רחמים. שטומע תּפילות צום אַכזריותדיקן גאָט פון מלחמה. צעווייטיקטע, שטילע קרעכצן, געשרייען, צאָרן־אויסרופן. אַ ווייטיקדיק „אוי"־קען פון יונגע מענער אין פענט פון אומזעיקע קייטן. — פון פוסטן געהיימע, וואָס האַקן, שלאָגן איבער די קעפּ: ברעכן הענט און פיס און נאַקנס פון די בעסטע, פון די גרויסע זין פון רוסישן פאָלק.

אין די שטומע געבעטן פון די פאַרוווּנדעטע — ווײַטער, וואָס

ווײַטער פון פײַערדיקן פיסק. נענטער צו די היימען. צו ווײַב, קינדער, מיידלעך געליבטע, שוועסטער, ברידער, קרובים. נענטער צו מאַמעלע רוסלאַנד. די ליבשאַפט צו די היימען פון סטראַדאַיושטשע, לײַדנדיקן פאָלק, צו דער כאַטע און שטיקל פעלד — טוט וויי. שעלט מען און מ׳זידלט זיך פון ווייטיק. וויינענדיקע מענער־קולות, ספּאַזמאַטישע „אין דער מאַמען אַרײַן!" „אין טאַטעלע סטאַלין!"

אַ וויינענדיק געזאַנג, אַ פאַרשטיקט געשריי פון געהעמטן צאָרן. פראָנטלידער. באַסאָווע מענער־קולות פון קרענקשאַפט און בענקשאַפט:

— מאַמעלע! מאַמעלע!

קינדער. גרויסע זין פון איין אין יסורים־אָפּגייענדיקער מאַמען. דורך צעעפנטע טירן בײַ סטאַנציעס — גוטע פויערטעס טראָגן וואַסער, מילך, קאָנפעטן, שטיקער ברויט אין די האַנטעכער, קיישלעך, ליגנדיקע, זיצנדיקע, קעפּ אײַנגענורעטע אין די קני און שטייענדיקע בײַ די פענצטערלעך. הונדערטער וויאָרסט צו אַ לעצטער סטאַנציע, צו אַ שפּיטאָל, צו אַ שוועסטער: קראַנקן־שוועסטער. צו אַ פאַרבײַפלאַטער פון אַ ווײַס פאַרטעך: ווײַסע, ווייכע הענט. פרויענהענט. אַ קאַלטן קאָמפּרעס צו הייסע שלייפן. אַ באַנדאַזש צו אַן אָפענער וווּנד. אַ צי פון פלעשל — אַ, דער ביטערער געטראַנק, ס׳באַנעצן דעם גאָרגל — באַרוישט, מאַכט פאַרגעסן, מאַכט גרינגער אויפן געמיט, גיסט זיך אין אַלע אברים, אין די צעבראָכענע געלענקן — אַ רפואה פאַר די מידע, אויסגעמאַטערטע גופים און נשמות.

דרויסנדיק, אויף די וואַגאָנען — צעהאָנגענע פּלאַקאַטן: פעטע, גרויסע אותיות אויף ווײַסע לײַוונטן:

— דאַ זדראַווסטוויעט סאָוועטסקי נאַראָד.[44]

— אונדזער זאַך איז אַ גערעכטע.

— מיט אונדז איז דער נצחון.

44. זאָל לעבן דאָס סאָוועטישע פאָלק.

קאַפּיטל יד

פון טיף רוסלאַנד, פון אוראַל, ציִען צוגן אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג — צום פראָנט. אוראַל — דער קוואַל פון רוסישן גאָלד. רײַך אין מינעראַלן, מעטאַלן, ניקל, צינק, אײַזן, קוילן, קופּער — איז איצט אויך דער קוואַל פון מענטשלעכע כּוחות: דער אוצר פון אַלע אוצרות — דער סאָלדאַט. פריש אויסגעשולטע אַרמייען, אָפיצירן, גענעראַלן.

נײַע סאָוועטישע קאַדערס ווערן דאָ אויסגעשמידט. ווײַט פון פײַער שמידט מען אַ נײַע אַרמיי צוזאַמען מיט נײַע טאַנקען, עראָפּלאַנען, אַמוניציע.

דאָ שטעלט מען צוריק צונויף, מען מאָנטירט צוריקגעבראַכטע טײלן פון מאַשינען, גאַנצע פאַבריקן אַרויסגעפירטע פון די מערב־אָקופּירטע שטעט. אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט ראַטעווען פון בלוטיקן שונאס הענט און איז גוט פאַר דער אַרמיי, פאַרן לאַנד, איז מיט גרויס מסירת־נפש אַרויסגעשלעפּט געוואָרן און דאָ אַהער געבראַכט.

דער שונא גייט פאָרויס. שוין פאַרנומען האַלב קאַווקאַז: שנעל שרויפט מען אַרויס נאַפט־ראַפינעריעס און אַנדערע וויכטיקע מאַשינטײלן און מ׳ברענגט אַהער. פון דאַנען וועט קומען דער אמתער אָנגריף.

דאָ — דער כּוח פון געווער און מענטש, וואָס וועט זיך אַ וואָרף טאָן אויפן דײַטשישן איבערפאַלער.

דרײַ גרויסע פאַרבינדלערס האָט רוסלאַנד אין דער גרויסער מלחמה: שטח, צײַט און מענטשן. אויך נאַפּאָלעאָן איז געשטאַנען אונטער מאָסקווע און געבראָכן רוקן־און־לענד.

ס׳אומבאַזיגלעכע לאַנד פאָרמירט איצט נײַע ראָטעס, פּאָלקן,

דיוויזיעס. מיליטערישע אַקאַדעמיעס — „אינקובאַטאָרס" פון יונגע, ריזערווידיקע קאָמאַנדירן. אויך אַלטע קעמפערס, פון בירגערקריג, באַלשעוויקעס, געטריַיע זין פון גרויסן אָקטאָבער.

אַ ניַיער כוח — באַפריַיטע פון תפיסות, לאַגערן — פאַרן אייגענעם לעבן און לעבן פון ראַטן־פאַרבאַנד.

אַלע „שונאים פון פאָלק" אָדער דער גרעסטער טייל פון זיי, פון די וויַיטסטע פאַרשיקונגען — אַלע זענען איצט „כשרע" בירגערס, גוטע קעמפערס אין דער פאָטערלענדישער מלחמה קעגן פאַשיסטישן גערמאַניע.

איצט, אָנהייב צוויי און פערציק, ווינטער — דער פערטער „פאַרבינדלער" פון די זיך גרייטנדיקע כוחות. פרעסט און שנייען — דער נאַטירלעכער שונא פון דיַיטשישן זעלנער און זייערע פאַרבינדעטע פון די מערב־לענדער.

סימנים פון פאַרשפּילטן „בליצקריג": איבערגעפּרעסענע פון נצחונות — האָט אַ מידקייט, ווי זשאַווער זיך איַינגעגעסן אין די שטאַרקע חיילות פון די אַנגריַיפערישע אַרמייען.

✶

הינטער סמאָלענסק. נאַכט. אַנגריף. עטלעכע שעה האָט געדויערט דער אַנגריף מיט אַ פאַרשטאַרקטן פיַיער פון אַלע מינים געווער. האַנט־און מאַשין־ביקסן, שווערע מאַשינביקסן, האַרמאַטן, קעגנטאַנק־וואָפן. פון אַלע זיַיטן האָגלט מיט פיַיער. בעניקס דיוויזיע, מאָטאָריזירטע אָפּטיילונג, איז פון דריַי גוט אָרגאַניזירטע פּאָזיציעס אַריבער אין אַ שטורעם־אַנגריף. פאַנצער־מאַשינען און טאַנקען מיט לופעס, ווי מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער גרייט איַינשלינגען דעם צעווילדעוועטן שונא — האָבן שווער און נישט צו גיך זיך גערוקט פאָרויס. דיַיטשישע טאַנקען ברענען. געשרייען פון פאַרוווּנדעטע פון ביידע זיַיטן. דער וויַיסער וועג איז פאַרלייגט מיט איבערגעקערטע טאַנקען, פאַנצער־וואָגנס, שוואַרצע פלעקן פון געפאַלענע. הענט, פיס צעשפּרייטע, איַינגעקאָרטשעטע גופים אין

סאַלדאַטסקע קליידער. גרויע און גרינע שינעלן אויפֿן פּראָסטיקן שניי. אַט גיט זיך אַ הייב אַ טאַנק, אַוודאי אַרויף אויף אַ מינע, אַ פֿלי אין דער לופֿטן, אַ פֿאַל אויף אַ זײַט, און אַ קער איבער.

הילפֿסרופֿן. הוראַ־געשרייען. בלוטפּלעקן אויף שניי. מ'שלעפּט פֿאַרוווּנדעטע אויף די פּלייצעס, אויף פֿעלדבעטלער, לאַסטאויטאָס — צום סאַניטאַר־פּונקט. מ'רוימט אַראָפּ די געפֿאַלענע.

פֿאַר טאָג איז אַ ביסעלע שטילער געוואָרן. פֿאַרויסגערוקט זיך עטלעכע צענדליק מעטער מיטן וואַלדוועג. אַ סך פֿאַרוווּנדעטע, טויטע. מען קאָמפּלעטירט די אָפּטיילונגען. כאָטש די פּלוצעמדיקע שטילקייט זאָגט קיין גוטס נישט אָן, ניצט מען אויס די צײַט אויף אָפּרוען, איבערקוקן ס'האַנטגעווער. מ'גרייט זיך אויף דער נאַכט — אַ גוטער „שותּף" אין אַזאַ לאַגע, אויב דער טאָג וועט רויִק אַדורך.

דער צווייטער „שותּף" — דער פֿראָסט — האָט אין די אונטער־שעהען מיט אַ קאַלטן שנייווינט גענומען יאָגן אין פּנים — שטעכיק און בריִק: פֿאַרגנבעט זיך דורך די גראָבע סאָלדאַטסקע קליידער און שווערע שיך אין די פֿיס און אין אַלע אבֿרים.

רוסישע, פּוילישע זעלנערס זענען צו דעם געוווינט. פֿאַר דער דײַטשישער אַרמיי — איז דאָס „קאַלטע פֿײַער" געווען אַ געפֿער־לעכער שׂונא.

בעניק — אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ „זעקסטל פֿאַנצער־טאַנקען, צו צו דרײַ אין אַ טאַנק קוקט זיך אַרום — דרײַ מענטשן פֿון זײַן זעקסטל פֿעלן: פּראָקאָפּיעוו, דער ווײַסרוס, פֿאַרוווּנדעט, זובאַגין פֿון קאַזאַן — ערגעץ ווו אַהינגעקומען, סאַבעלעוו — געפֿאַלן. די לעצטע נאַכט אין וואַגאָן זיך דערוווּסט — אַ ייִדישער בחור פֿון פּוילן. סאָבאָל. מישאַ סאָבאָל.

אין די קנאַפּע דרײַ מעת־לעת נסיעה פֿון קאַזאַן — שטיל, פֿאַררוקט אין אַ ווינקל געזעסן. אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

נישט קיין ייִדיש פּנים. אַ געוווּקסיקער, אַ ברייטפּלייציקער, העלע וואַנסיקלעך. אַ העל גזשיווקעלע איבער די אויגן. אַ בע־זשענסקע היטל — קײַלעכדיק־פֿאַרהויבן מיט אַ דאַשעק. פֿעסטע

קינען. אויגן — אַ געמיש פון טונקל־העל. גרויסע ווײַסלען אַרום די שוואַרצאַפּלען, וואָס — אַז מ'האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין זיי — האָבן זיך שרעקיק באַוועגט שנעלער ווי מ'דאַרף.

די לעצטע שעהען פאָרן אַראָפּ פון די וואַגאָנען, האָט ער זיך צוגערוקט צו אים, אָנגעהויבן רעדן. פריִער פּויליש, מיט אַן אמתן פּוילישן אַקצענט, נאָכדעם — אַרײַנגעוואָרפן יִדישע, העברעיִשע ווערטער און אַריבער אויף יִדיש.

אין גאָרקי זיך מאָביליזירט. ביז גאָרקי — אַ וועג פון סכּנות, טויטשרעק און — מזל. „דאָרטן", אין דער היים, געלאָזט אַ מאַמען, אַ שטיפטאַטן, צוויי שוועסטערלעך.

הרוביעשאָוו. אַ קליין שטעטל מיט אַ גרויסער יִדישער באַפעל־קערונג. אַ סך אוקראַיִנער.

לעבן געבליבן פון אַ טויטנמאַרש.

האַרבסט, נײַנצן פערציק. אַ באַפעל: אַלע מענער פון זעכצן ביז זעכציק — זאַמלען זיך אויפן מאַרקפּלאַץ. אַכט אין דער פרי זענען אַלע געווען אויפן אָרט. אַרומגערינגלט פון עס־עס־לײַט, פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, מאַשין־געווער אין זייערע הענט. בייזע, רוצחישע פּנימער. אַן עס־עס האָלט אַ קורצע רעדע: „אויף אַרבעט קיין סאָביבאָר, נישט ווײַט פון דאַנען". „שטעלן זיך צו פיר אין אַ ריי און — מאַרש".

וואָרנט: ווער ס'וועט אָפּשטיין אין מיטן וועג — ווערט דערשאָסן. ווער ס'וועט פּרוּוון אַנטלויפן — דערשאָסן. אַרויס הינטער דער שטאָט — אַ באַפעל: „לויפן". לויפט מען. שאָסן איבער די קעפּ פון דער מחנה לויפנדיקע. געשרייען, גוואַלדן, קרעכצן פון פאַלנדיקע. מ'לאָזט די טויטע, פאַרוווּנדעטע אויפן וועג. מ'לויפט אָן אומקוקן זיך אויף צוריק.

ס'גיסט ווי מיט צעבערס. קאַלוזשעס וואַסער. ליימיק־גליטשיק די ערד אונטער די פיס, וואָס ברעכן זיך איין, פאַלן, הייבן זיך אויף און לויפן מיט די לעצטע כּוחות. פאַר נאַכט צו, נאָענט פון אַ וואַלד, באַפוילן שטיין בלײַבן. אַן עס־עס האָלט אַ רעדע: ס'פעלן

מענטשן. יאָ, זייער שולד. נישט געלאָפן אין דער ריי לויטן באַפעל. עטלעכע — זאָגט ער — האָבן געפרוווט אַנטלויפן. דערפאַר וועלן באַשטראָפט ווערן צוואַנציק מאַן. אויסגעציילט צוואַנציק מאַן — יעדער פינפטן — פון דער לויז געוואָרענער, צום טויט פאַרמאַטער־טער מחנה. און עס־עס פירט זיי אַוועק טיפער אין וואַלד. ס'הערן זיך שאָסן. — ער קומט צוריק. מען יאָגט ווייטער. דער רעגן הערט נישט אויף.

די רוצחים — אין גומי־מאַנטלען, הויכע שטיוול, העלמען אויף די קעפ — אין דרייַ מיליטערישע דזשיפּן — לינקס, רעכטס און הינטער דער מחנה לויפנדיקע. אויסגעשטרעקטע ביקסן־לופעס, ראַפּניקעס אין די הענט. מ'שלאָגט איבער די קעפּ, מ'טרייַבט אונטער. אַ סך פאַלן. ווען ס'געלינגט זיך אָנהאַלטן אַן עמעצן. געפאַלענע בעטן זיך בייַ די רוצחים: „שיס מיך". „ניין", „צו אַ לייַכטער טויט פאַר אַ יודע".

אַ פויערטע, איינגעהילט אין אַ שאַל, ווייַזט זיך פון ערגעץ, שלעפּט אַרויס פון אונטער דער שאַל צוויי ברויטן, וויל וואַרפן צו די לויפנדיקע. און עס־עס יאָגט זי אָפּ. זי פּרוווט נאָך אַ מאָל. אַ שטויס מיט דער קאָלבע. זי לויפט נאָך: „נעם די ברויטן און גיב זיי" — בעט זי זיך בייַ אים. ער צעהוילט זיך, שטופּט זי אָפּ. זי לויפט און וואַרפט די ברויטן. איינער בייגט זיך אייַן און לויפנדיק הייבט אויף אַ ברויטל פון דער בלאָטע. בייַסט זיך אייַן מיט די ציין און וויל... אַ, ניין. אַ שאָס. יענער פאַלט. אַ מענטש ליגט אין בלאָטע. פון איין זייַט מויל אַ ריטשקעלע בלוט, פון דער צווייטער — אַן איינגעביסן ברויט. סעקונדעס דויערט עס. און אומקוקן זיך לויפט מען ווייַטער. איינער איבער דעם אַנדערן, איבער אַ דריטן, אַ פאַלנדיקן. מען זעט זיך נישט. מען דערקענט זיך נישט. דער רעגן שטאַרקט זיך די שאָסן הערן נישט אויף. ער, סאָבאָל, טראָגט אַ ברייטן מאַנטל, וואָס ר'האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן. נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, טראַכט ער. ער נעמט

לויפֿן. אַ פֿרײַ פֿעלד. קיין בוים. קיין כאַטע. מ׳שיסט אים נאָך. דער מאַנטל צעעפֿנט זיך. עטלעכע קוילן טרעפֿן אין די צעפֿלויגענע פּאָלעס. ער פֿאַלט. די רוצחים, געמיינט אַ פּנים, אים דערשאָסן, ווילן זיך נישט דערווײַטערן פֿון דער מחנה — לאָזן אים איבער אַ ליגנדיקן אויפֿן פֿעלד.

די פֿינצטערניש, דער רעגן — אַ גואל. ער לעבט. נישט פֿאַרוווּנדעט. הונגער? מידקייט? ער פֿילט גאָרנישט. מיט נײַע כּוחות, ער ווייסט נישט פֿון וואַנען זיי האָבן זיך צו אים גענומען — לאָזט ער זיך גיין. שפּעט בײַ נאַכט. ער טרעפֿט אַרײַן אין אַ פּויערישער כאַטע. אַן אַלטע פּויערטע גיט אים אַ קריגל מילך אויס־צוטרינקען, טראָגט אים צו אַ שיסל וואַסער די פֿיס אויסוווייקן, פֿאַרבאַנדאַזשירט אים די ווונדן מיט אַ שטיקל ליאַנע לײַוונט. זי איז איינע אַליין. נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. זאָל ער זיך אָפּרוען אַ ביסל. ער זיצט אַ שעה, צוויי און לאָזט זיך פֿאַר טאָג אין וועג אַרײַן. די אַלטע דערלאַנגט אים צוויי ברויטלעך אײַנגעוויקלטע אין אַ האַנטעך.

אַוועלכע צען קילאָמעטער׳ס סך־הכּל פֿון דער נײַער פּויליש־סאָוועטישער גרענעץ — בוג. די גרענעץ איז נאָך נישט אַזוי באַוואַכט געווען. אים איז געלונגען אַריבער אויף יענער זײַט. קאָוועל. ביאַליסטאָק. עשעלאָנען מיט ווערבירטע אויף אַרבעט קיין טיף רוסלאַנד. ער פֿאַרשרײַבט זיך. אָנגעקומען קיין קאַזאַן. פֿרײַוויי־ליק זיך געמאָלדן אין וואָיענקאָמאַט.

פֿון סאַבאָלן האָט זיך בעניק צום ערשטן מאָל דערוווּסט, וואָס דאָרטן קומט פֿאָר. ער האָט זיכער געהאַט מער צו דערציילן. אַ שאָד, וואָס ר׳האָט זיך צו אים דערנענטערט די לעצטע שעהען פֿאַרן אַראָפּגיין פֿון די וואַגאָנען.

פֿון יענער נאַכט האָט ער קיין רויִקע מינוט נישט געהאַט. פֿאַר די אויגן איז אים געשטאַנען זײַן טאַטע, וועמען ער האָט אַזוי פֿרי פֿאַרלאָזט. דער זיידע, ביינישל, ווײַב און קינדער. זינט דעם לעצטן

פּסח — נישט געזען, נישט געהערט פון זיי. ווּ זענען זיי איצט? וואָס איז פון אַלע דאָרטן געוואָרן?

ער האָט אין די שעהען פאַרגעסן פון וואַנען און וואוהין ער פאָרט. אַ פּנים — אויך סאָבאָל. נישטאָ. ער וועט אים נישט זען מער. אַזאַ שיינער, געזונטער בחור. אַזוי פיל אומגליקן אויסגעמיטן. און דאָ — די ערשטע עטלעכע שעה אויפן פראָנט. ער האָט זיך אַזוי צערעדט, סאָבאָל, אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז די אמתע מלחמה הייבט זיך ערשט אָן. דאָס זײַן אַ סאָלדאַט אין אַ רעגולערער אַרמיי, מיט געווער אין דער האַנט — אָט וואָס האָט אים אַוודאי פאַרגעסן געמאַכט אין די געפאַרן פון אַ זעלנער אויפן פראָנט.

ער האָט נאָך אויספּיִעט דערמאָנען זײַן טאַטן, דעם שמש אין דער „פּראָסטער שול". אויפן בוידעם פון דער שול — האָט אים דער טאַטע דערציילט — זאָל, לויט אַ לעגענדע, זיך האָבן אויפ־געהאַלטן דער גולם. שמות האָבן זיך דאָרטן געוואַלגערט, אויפן בוידעם איבער די „עזרת־נשים", שוין אַ גרויס יִנגל, האָט ער נאָך מורא געהאַט פאַרבײַגיין דאָס שמאָלע געסעלע, וואָס פירט צו דער שול. ער פלעגט עס איבערלויפן, אַ כאַפּ טאָן די ציצות פון טלית־קטן, אַ קוש טאָן און מורמלען: „גולם, גולם שטיי נישט אויף, דײַן סוף וועט זײַן, ווי די פּסולת־שמות".

לויטן מדרש, האָבן אים חדר־יִנגלעך בײַ מאָטעלע מלמד געזאָגט — אַז אין יום־טוב פון מתּן־תּורה, שבועות, קומען די נשמות פון אַלע דורות וואָס זענען געווען בײַם באַרג סיני בשעת גאָט האָט געגעבן די תּורה צום פאָלק ישׂראל, אויך די נשמות פון די נאָך נישט געבוירענע — קומען אין די נעכט אין שול אַרײַן.

— זענען מיר שוין, אויב אַזוי, צוויי? — האָט ער סאָבאָלן געזאָגט.

— אפשר זענען דאָ נאָך?

— נאָך יִידן אויף פּוילישע נעמען?

— ששש...

— וואָס איז דער ששש?
— פאַרגעסן, אַז מיר רעדן מאַמע־לשון?

*

צווייטער אַטאַק.

אין אָוונט האָט זיך עס אָנגעהויבן. אַן אומגעלונגענער אַטאַק. דעם שׂונאס פאַנצער־אַפּטיילונגען האָט זיך אײַנגעגעבן אַדורכרײַסן דעם פראָנט, קלינענווײַז, זיך געררוקט אין האַרץ פון דער דיוויזיע. אַ העליש פײַער פון טאַנקען, אַרטילעריע, מינען־שלײַדערערס און מאַשין־געווער. אַ וואַלד ברענט. אַ שטעפּן פון קוילן אין די ביימער. ס׳טרעשטשען און ברעכן זיך צווײַגן. פײַערן באַלײַכטן דעם שׂונא — אַ טונקל געוואָרענעם, אַ צעפּאַרענעם פון די טאַנקענקייטן. רויך און קאָפּעטש אין די אויגן. אַ פאַרטויבנדיק הילכן אין די אויערן. קופּעס שניישטויב, ערד, שטיינער פאַרהויבענע אין דער לופטן פון אויפגעריסענע סנאַריאַדן, באָמבעס. די טיפע לעכער אויף די וועגן באַשווערן די ראָד־באַוועגונג.

— פײַער! פאַרויס!
— אַ טויט די מערזאַווצעס!
— פאַרויס, פאַר סטאַלינען!

מאַיאָר זינגער, אַ נידעריקער, ברייטפּלייציקער מאַן, אין אַ היטל, שיטערלער־גרויע הערעלער איבער די אויגן — שפּרינגט אַרײַן אין אַ פאַרשנייט אויטאָמאָבילעכל. מיט אים — דער שטאָב־אָפיציר מאַלישעוו. אַ יונגער רוס אין אַ מילטערישער פופײַקע, יוכטענע שטיוול. אַ גליטשיקער ריס פון גומירעדער אויפן אײַנגעפּראָרענעם שניי און זיי זענען שוין נישטאָ. קומען באַלד צוריק מיט אַ דריטן — מאַיאָר, איגנין: אַ ווײַסרוס פון אַ יאָר פופציק. אַ הויכלעכער, יוסטער מאַן, אַ פּאַפּאַכע פון אַ דאָנסקער קאָזאַק אויפן קאָפּ, אַ לעדערנע קורטקע. אַ נאַגאַן בײַ דער זײַט. ברייטלער פּנים. שאַרפע קינען. טונקל־געדיכטע ברעמען — „פאַרמעליקטע״ פון פריסענדיקן שניי. עפּעס פון אַן אַלטן רויטגוואַרדייעץ האָט געשפּאַרט פון אים,

פון זײַנע הענט־תנועות. געדיכטע רויך־קײַקעלעך פון פֿײַפֿ, וואָס ער לאָזט פון מויל נישט אַרויס — בלײַבן הענגען אין דער פּראָסטיקער לופט.

אין מיטן פון דער טרויקע שטייט ער געבויגן איבער אַ מאַפּע אויסגעשפּרייט אויפן אויטאָמאָבילעכל. אַן עלעקטריש האַנטלעמפּל באַלײַכט זייערע פּנימער איבערגעבויגענע איבער דער מאַפּע.

מאַיאָר איגנין איז דער לעבעדיקסטער נערוו פון צווייטן קאָרפּוס פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך פּאַרמירט אין פראַנקרײַך.

אַ קאַנאָנאַדע. קנאַלן פון מאַשין־געווער. ראַקעטעס קריצן, בליצן אויף דעם נאַכטיקן הימל. פאַרלירן זיך אין חשכות, וואָס ווערט נאָכדעם געדיכטער.

דער ברודיקער, צעפּאַרענער שניי אונטער די טאַנקענקייטן — פּאַרטונקלט די ריאה.

איצט, ווען דער נצחון איז די אָנגרײַפֿערס „אויף דער האַנט” — גרייט זיך דער רוסישער בער אַרויפלייגן זײַן לאַפּע אויף אַלע פראָנטן.

קאַפּיטל טו

ערב טאָג. דער טיפער שניי שלינגט די שווערע טריט פון סאָלדאַטן — יעדער מיט זײַן פולן געווער־אויסשטאַט. אַ ליידיק פעלד. אַ וועלכע פּופּציק, אַכציק מעטער צו אַ כוטאָר:

ערשט נעכטן איז דער כוטאָר געווען אין די הענט פון שונא. צעוואַלגערטע שטאַכעטן. אָפּענע שטאַלן. שׂרידים פון פויערישער באַלעבאַטישקייט.

צײַט איז אַ מאָל אַ קאַרוסעל, אַ קאָפּשווינדל אָדער — אַ הרף־עין. אַ מאָל — אַ וואָרעם... איצט קריכט דער „וואָרעם" אויפן בויך און דער שטח ציט זיך און ציט זיך, ווי עמעצער וואָלט אים פון יענער זײַט געשלעפּט אויף צוריק... אויפן בלווילעכן שניי, אַ צעהעלטער פון ערב־טאָגלינגט, שאַטענען סאָלדאַטסקע געשטאַלטן אין צעוואָרפענע רייען מיט שטילן, ווייכן סקריפּ פון שווערע, אײַליקע טריט. פרירנדיקע אָטעמס ציִען זיך קנוילנווײַז אין דער בלויער לופטיקייט — בולטע מעטעס פאָר פליִענדיקע קוילן פון פאַרטײַעטן שונא.

עכאָס פון שאָסן, ווי ס'ברעכן זיך פון טרוקענע צווײַגלעך — לעכערן די שטילקייט. די לענגלעכע, שפּיציקע טויטבלײַעלעך שטעכן דעם געפרוירענעם שניי, לאָזן סימנים עלעהיי האָפּסלענדיקע פּיסלעך פון וואָנעס.

דער כוטאָר דאַרף דינען פאַר אַן עטלעכע־שעהיקן אָפּרו און אָרגאַניזירן אַ קאָנטראַטאַק.

און די צײַט איז אַ וואָרעם: אַ פאַרגליווערטער וואָרעם...

דער אויפקומענדיקער טאָג זאָגט קיין גוטס נישט אָן.

נישט ווײַט פון כוטאָר — אַ וועלדל. פון ביידע זײַטן וועלדל — אַ שאָסיי, אַ וויאָרסט פּופּציק פון סמאָלענסק.

אין בעניקס דיוויזיע: אַ פוסגייער־פּאָלק, אַן אַרטילעריע־פּאָלק, אַרטילעריע קעגן פּאַנצערטאַנקען — זײַן פּאַנצער־אָפּטיילונג, סאַניטאַרן, אויסשפּירערס, אַן אינזשעניר־קאָמאַנדע אויף אויס־גלײַכן, פּאַרריכטן די וועגן, בריקן לײגן אויב מ׳עט דאַרפן, אַן אַרטילערישער געהילף־באַטאַליאָן.

דער ציל — אַ קאָנטעראַטאַק. אָפּנעמען מאָגילעוו, אָרשע. דער באַפעל — דערגרייכן דעם ציל דורך אומאויפהערלעכע, דרײַסטע אָנגריפן. אויסנוצן מאַקסימאַלע מאָס: דערפאַרונג, דעצי־דירטקייט, מוט, „סמיקאַלקע״, תּושיה און אינדיווידועלע קרבנות־גרייטקייט. דער פּאַראָל: אַ גרינע לײַכט־ראַקעטע — זיך גרייטן, אַ רויטע — אָנגריף.

דעם זעלבן אָוונט — דײַטשישע אַרטילעריע אין אַ קאַנאָנאַדע. פּאַרויס — טאַנקען. זיי „דעקן״, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַן עס־עס־אינפאַנטעריע־איינהייט. דעם כּוח האָט געשיצט אַ פײַער פון קוילן־וואַרפערס. כאָטש אַ געוועזענער זעלנער אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן — האָט דער „קבלת־פּנים״ בעניקן אַ הייסן שווידער געטאָן.

— פּאַרויס, רעביאַטאַ!

— הוראַ!

אין דער שעה, האַלבער שעה — טראַכסטו וועגן גאָרנישט. געדענקסט גאָרנישט. אויך די געפאַר, וואָס איז אַזוי נאָענט — זעסטו נישט. נישטאָ קיין צײַט מורא צו האָבן.

צעקלאַפּט די דײַטשישע איינהייט וועלכע ס׳איז געלונגען אַדורכרײַסן די פראָנט־ליניע. אַ סך פאַרוואונדעטע, טויטע פון ביידע זײַטן.

בעניק יאָגט פאָרויס. הינטער אים — „זײַן זעקסטל״ — צו דרײַ טאַנקיסטן אין אַ טאַנק. אַ שד מיט אַ סך פּנימער איז דער טויט. דו קוקסט אים אין די אויגן אַרײַן. ער קוקט אַרויס פון דײַנע אויגן. איין זאַך זעסטו און געדענקסט איצט — פּאַרויס. פּאַרויס.

כּדי ס'אייגענע לעבן צו פאַרהיטן, געדענקסט — דער ערשטער אַנפאַלן אויפן לעבן פון דעם, וואָס קעגן דיר.

אַ קוילן־האָגל איבערן קאָפּ. פון אַלע זײַטן פײַער. די טאַנקען — משחתים. ער פירט זײַן טאַנק, קערעוועט, מאַנעווורירט און — פאַרויס. זײַנע צוויי עקיפּאַזש־חברים בײַ די לופעס אויף רעכטס און לינקס — הינטער אים. נײַע פּנימער. ער ווייסט אַפילו נישט זייערע נעמען. די קייטן שניידן דעם טיף פאַרשנייטן וועג. קלינגען, קרעכצן און — פאַרויס. משמע: ער לעבט. אויך די צוויי הינטער אים — לעבן. און נאָענט פון זיי — אַרטילעריע־פײַער, האַנט־גראַנאַטן. פאַרוווּנדעטע. טויטע. דאָס ווײַסע פעלד ווערט באַדעקט מיט „טונקעלע פלעקן". מען שלעפּט פאַרוווּנדעטע אין די צוגעגרייטע טראַנשייען. אַ צעקלונגען פײַפן פון קוילן. אַ שיטער שנייעלע פאַלט. פריסעט אין די אויגן. נעצט דאָס פּנים. דעקט צו די „טונקעלע פלעקן"...

בלוט. רויטער שניי.

— סאַניטאַר! סאַניטאַר! — הערן זיך הילפרופן.

און פּלוצעם — אַ שטאַרק קרייצפײַער פון אַרטילעריע און שווער געווער. נאָענט פון בעניקן איז מיט פאַרטויבנדיקן הילך עפּעס פאַרבײַגעפלויגן: טראַך! טראַך! אַ שווינדל פאַר די אויגן. זײַן טאַנק גיט אַ ברום און אַ הייב זיך מיט געקלומפּער, פאַלט אויף אַ זײַט און קערט זיך איבער. עס גיט אים אַ וואַרף און — ער פאַלט. ער וויל זיך אויפהייבן, אַרויסשפּרינגען נאָר די פיס, אוי די פיס! איין פוס פילט ער אין גאַנצן נישט. עמעצער שלעפּט אים אַפער פון הינטער די טאַנק־קייטן. אַ שטעכעניש אין דער רעכטער זײַט. ס'העמד איז נאַס. שווייס? בלוט? אַ מישעניש אין קאָפּ. ער וויל זיך אויפזעצן, אָפּטרייסלען דעם שניי פון זיך, צוקנעפּלען דעם שינעל. אויסגלײַכן דעם רוקן וויל ער און — — — ער וויל — — — — ער וויל גאָרנישט. געדענקט גאָרנישט מער. עס איז אים וואַרעם. אַזאַ וואַרעמער, קלעפּיקער שניי. ער נורעט אײַן דעם קאָפּ אין ווײַסן צודעק. אַ פּערענע. אַ בעט. אַ וואַרעם בעט. און ס'ווילט זיך אַזוי

שלאָפן. שלאָפן. אויסציִען די פיס מיט די שווערע שיך און — — —
ער געדענקט נישט מער גאָרנישט. — — —

✶

אין שפּיטאָל. אויפן אָרט פון רעכטן פוס און אין פּלייצע אונטער דער לאָפּעטקע, פּילט ער אַ שטאַרקן ווייטיק. עס שנײַדט ווי מיט מעסערס. ער וויל אַ טאַפּ טאָן ס׳אָרט פון דער ווונד — די הענט — געבונדן. ער איז צוגעפּאַסעוועט צום בעטל. וואַרפט זיך מיטן בעטל. ס׳שווינדערט. אין האַלדז — אַ שׂרפה.

— וואַסער, אַ טרונק!

— שלאָף, שלאָף אײַן, בראַטאַק!

— אַ שלונג וואַסער. אַן אײַנשפּריץ. אוי, טוט וויי, שוועסטער!

— באַלד קומט דער דאָקטאָר.

— ווי לאַנג בין איך דאָ?

— דעם פערטן טאָג.

— דעם פערטן טאָג?

— געברענגט דיך פון אַן אַנדער פּאַלאַטע.

— וואָס זאָגסטו, פּאַלאַטע?

— סאַניטאַר־פּונקט. נו, שלינג אַראָפּ וואָס כ׳גיב דיר, וועט בעסער ווערן.

אײַנגענומען, איז ער רויק געבליבן ליגן. זי האָט אים מיט אירע ווײַסע, ווייכע פינגער אָפּגעווישט דעם קאַלטן שווייס פון פּנים.

זי האָט דאָס פּנים דערקענט. — אַ פריידשווידער איז איבער איר אַריבער. אַ קלעמונג אין האַרץ. ס׳האָט איר אַ מיש געטאָן אין קאָפּ.

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי גוט צו מיר? — האָט ער צו מאָרגנס געפרעגט.

זי האָט געשוויגן.

אַז ער איז אײַנגעשלאָפן, איז זי אַוועק פון בעטל.

אַ היץ. אַ שׂרפה אין האַלדז. אַ טרונק וויל ער. נאָר איין

שלונג וואַסער — — ער שטייט לעבן פּלומפּ, אין אַ יאַרידטאַג. אַ סך פורלער, פערד־און־וועגעלער יאָגן אַז, שטופּן זיך צום פּלומפּ. אַלע מיט אַ מאָל ווילן אָנפּאָיען די פערד. ער איז איינער. לויפט מיט דעם אויסגעליידיקטן עמער אין האַנט צום פּלומפּ. הענגט זיך אָן אָן לאַנגן, שווערן אײַזערנעם הענטל מיט דער גאַלקע: אַרויף, אַראָפּ און אָט לויפט ער צוריק מיט אַ פולער וויאַדרע וואַסער צו אַ פערד־און־וועגעלע. שטעלט אונטער פערדישער מאָרדע, אַנגעלענט, קאַנטיק, אויף דער קני. אויסגעליידיקט — לויפט ער ווײַטער. האַלבע און דריטל וויאַדרעס וואַסער בלײַבן אין עמער — אַ סימן, די פערד ווילן נישט מער. אָנגעטרונקען. גיסט ער די רעשטלעך וואַסער אויף די פערדישע פאָדערשטע פיס. ס׳וואַסער צערינט זיך, נעצט די שטיינער.

אַזוי פיל וואַסער זיך פאַרגאָסן, ניוועץ געגאַנגען. און ער בעט אַ שלונג, אַ שלונג וואַסער צו באַנעצן די ליפּן. — — — ער לויפט צו אַ קראַן אויף אַ סטאַנציע, לויפט צוריק מיטן הייסן קיפּיאַטאָק. פאַלט, ער וויל זיך אויפהייבן, די עלנבויגנס ברעכן זיך, טוען אַזוי וויי. די פּלייצע פאַלט צוריק. אַ קול, אַ ווײַט קול, ווי פון אונטער דער ערד, הערט ער: שרײַט, רופט צו אים... אַ קלאַפּן פון קוילן אין דאַך פון וואַגאָן. ער טרייסלט זיך, דער וואַגאָן. די באַן יאָגט. אַ שלאָבעריק ניענטשען פון אַ קינד, ווי ס׳זעגן פון גרילן... סאָניע שפּרינגט פון וואַגאָן, אָן פרעגן אים אַ וואָרט. ער וויל נאָך איר לויפן. די טיר — פאַרהאַקט. וואַגאָן אין געוואַקל... ער קלאַפּט קאָפּ אין וואַנט. אַ יאָמערלעך פײַפן פון לאָקאָמאָטיוו. פאַר וואָס שטעלט ער זיך נישט? סאָניע מיטן קינד אויף די הענט איז דאָך אַראָפּ... און מ׳זעט זי נישט צוריק... ער וויל אַראָפּשפּרינגען און — — — קערט זיך איבער מיטן טאַנק. עמעצער שלעפּט אים אַפּער פון אונטער די קייטן. ער וויל אַרויף אויף אַ צווייטן טאַנק. אוי, די פיס! נישט זײַנע פיס... פאַרויס! פאַרויס! — הערט ער מאַלישעווס קול. לעבן אים ליגט איינער. ווער איז ער? נישט פּראָקאָפּיעוו, נישט סאָבאָל. אַ פּנים מיט אַ שראָם. אַ רויטהאָריקער

קערל. אַ העלם מיט אַ שוואַרצן סקעלעטן־קאָפּ אין אַ זײַט. אַ, דער רויטהאָריקער הונט, דער הורנזון — לעבן אים? — — — אַן אומגעוואַלגערט מאָטאָציקל. נײַן, אַ קליין מאָטאָציקעלע און אַ פערדעלע פון האָלץ — שימעלעס פערדעלע. ווי אַזוי קומען די זאַכן אַהער? — סאָניע. ס׳פּנים — פאַרגליווערט, אויפן האַלדז, אויפן אָרט פון גאָלדענעם מעדאַליאָניקל — אַ פאַרגליווערטער בלוטפלעק.

ער עפנט די אויגן, דער הורנזון. ער לעבט. באַוועגט מיט די ליפּן, דער מערזאַוויעץ, דער סוואָלאָטש. ער פאַלט צו צו אים, כאַפּט אים אָן בײַם האַלדז. שטיקט, שטיקט און בײַסט זיך מיט די ציין אײַן אינעם טרייפענעם האַלדז. ביזן גאָרגל בײַסט ער זיך אײַן. בלוט. דאָס טרייפענע בלוט זײַנס רינט, ווי פון אַ דערשאָסענעם הונט. ווי אַ הונט אים אַוועקגעלייגט אין מיטן גאַס, ווי יענעם אַטאַמאַן, אין פאַריז... ער לאָזט נישט אָפּ, בײַסט דעם גאָרגל. אַ גאָלדן מעדאַליאָניקל וועט ער פון אים, פון זײַן בלוט אויסקוועטשן... אוי, ווו איז ער אים נעלם געוואָרן דער הורנזון?... אַ טרונק, אַ שלוק וואַסער... שוועסטער, גוטע, ווער ביסטו?

— ווער איך בין?...

— אוי, דער פּוס, דער פּוס.

אַוועק פון בעטל, ס׳יונגע שיינע מיידל. אַ העל פּנים. אַ שוואַרץ גזשיווקעלע הינטער אַ ווײַסן האַלב־אָפענעם טשעפּיק אויפן קאָפּ. „ווער ביסטו", ווי קען זי אים זאָגן ווער זי איז? נאָך דער אַמפּו־טאַציע אַהער געברענגט אים פון סאַניטאַר־פונקט. אַ העל־בלוילעך גראָער טויטשוויס אויפן פּנים. די ווונד אויף דער פּלייצע הינטער דער לאָפּעטקע יאַטערט. הויכע טעמפּעראַטור. אַ גאַנצע נאַכט גערעדט פון היץ. געשריגן, געוואָרפן זיך מיטן בעטל, ווי ער וואָלט זיך מיט עמעצן געשלאָגן. געבײַלט די פויסטן, געקריצט מיט די ציין. ביז אין דער פרי געזעסן לעבן אים. אויף אַ מינוט נישט אָפּגעטראָטן. געבעטן דעם דאָקטער מאַכן אים אַן אײַנשפּריץ.

אין די קנאַפּע פינף חדשים אין שפּיטאָל האָט זי זיך אַ סך אָנגעזען, אָנגעהערט: ווייטיק־געשרייען, אַ קוים־קווימיק קרעכצן, יסורים־פּנימער, אָפּענע מײַלער, וואָס קענען פון זיך קיין קלאַנג נישט אַרויסגעבן. בײַ אָפּעראַציע־טישן געשטאַנען. נישט איין מאָל צוגעהאַלטן אַ פוס, אַ האַנט, בעת ס'בלאַנקע מעסער, ס'עלעקטרישע זעגל אין אָפּעראַטאָרס הענט האָט געפירט איבער אַ ווײַסן ביין, איבער גאַנגרענירטער ווונד. בלוט. מאַרך, אַ מין ווײַסער, קלעפּיקער סאָק, ווי בײַם אָפּרײַסן, איבערברעכן אַ שטענגל, אַ יונג צווײַגל פון אַביימל האָט גענעצט דעם אָפּעראַטאָרס פינגער.

אָפּטע אָפּעראַציעס פון שווער און טויט פאַרווונדעטע. מער ווי איין מאָל — אָן נאַרקאָז, וואָס האָט אויפן סאַניטאַר־פּונקט פאַרפעלט. גענוצט ברענספּירט, אָדעקאָלאָן. געטראָפן אויך נישט ווייניק פאַלן פון אָנטרינקען ד'עם קראַנקן מיט וואָדקאָ, סאַמאָגאָן און — שנײַדן. פעטע בלוטצייכנס אויף פאַדלאָגעס, לײַלעכער, קאָצן. בײַ אַ נאָפּטלעמפּל און בײַ אַ ליכט געשניטן לעבעדיקע אברים בײַ פאַרווונדעטע אין אײַלעניש געבראַכטע פון פראָנט. די בלוט־צייכנס — אַ „שריפט" אַן אומלייענעווודיק פון פאַרווונדעטע, שטאַרבנדיקע מענטשן. די „שריפט" האָט איר דערמאָנט אין די לאָזונגען מיט רויטע, פעטע אותיות אויף די לײַוונטן, טראַנס־פּאַראַנטן צעהאַנגענע אויף ד' וואַגאָנען פון די מאָביליזירטע צו די פראָנטן:

— אודזער זאַך איז אַ גערעכטע!

— דער נצחון איז מיט אונדז!

— זאַ ראָדינו, זאַ סטאַלינאַ!

ריחות פון וואַלעריאַן, קאַרבאָל, סאַמאָגאָן — בלוי און שאַרף, ווי פּראַסטיקער שנײ אין דרויסן. אָנהייב נײַנצן צוויי און פערציק. אָקערשט, מיט אַ וואָך דרײַ צוריק, האָט מען שפּעט בײַ נאַכט געבראַכט אַ שווער פאַרווונדעטן. ביידע באַקעס — אויפגעריסן פון אַ גראַנאַט. איין פוס האָט נאָכגעהאַנגען. צוויי לעבער אין בויך. די גראַנאַט־שפּליטערס — טיף אין פלייש. דעם ביין פון איין פוס —

אויף עטלעכע שטיקלעך צעבראָכן. אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק. ער האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן. פאַרשטשעמט די ציין, פאַרקרימט דאָס פּנים און געשוויגן. לאַנג האָט מען זיך אַרום אים געפּאָרעט מיט זעגל, מעסערלעך, פּינצעטן, נאָדל־פּאָדעם ביז מען האָט די צעבראָכענע ביינער, ווי עס איז, אין אָרדענונג געבראַכט.

דער אומדערטרעגלעכער וויטיק אונטערן שוואַכן נאַרקאָז, האָט אויך דעם אַפּעראַטאָר געריִרט ביז טרערן. זי האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ בעת דער פאַרוווּנדעטער האָט קראַמפּיק פאַרביסן די ליפּן און קיין „אוי" נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל.

דער ווייטיק האָט אַרויסגעשלאָגן פון זײַנע אויגן פאַרצויגענע מיט אַ דין־דורכזיכטיק, געלבלעך־אָפּגעבליאַקעוועט הײַטל. בעתן באַנדאַזשירן די וווּנדן האָט ער מיט אַ באַסאָווער אָבער קוים דערהעריקער שטים געבעטן בײַ איר, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען דעם קאָפּ אַוועקגעדרייט אין אַ זײַט און מיט אַ שפּיץ פאַרטעך געווישט אַן אויג:

— נעם זיך נישט איבער, באַרישניע, ניטשעוואָ. ס'עט איבער־גיין. זאַקוריט' (פאַרייכערן) ברענג, אַ פּאַפּיראָסל פאַרצײַען.

„נאָר אין ליידן, אין שווערע יסורים דערזעסטו דעם פונק פון גאָט אין מענטש".

עס האָט איר דערמאַנט אין איר זיידנס ווערטער, וואָס דער טאַטע האָט איבערגעדערציילט. אַ שנײַדער געווען דער זיידע. דער מענטש — האָט ער געזאָגט — איז געגליכן צו אַ מלבוש: האָט אַ ווייערך און אַ פּאָדשעווקע, אַן אויבן און אַן אונטערשלאַק. ס'פּנים שמייכלט און די נשמה — וויינט. אויבנאויף פירט ער זיך לײַטיש, איידל, אין כאַראַקטער איז ער פאַרדאָרבן. אַ מאָל — אויך פאַר־קערט: די פּאָדשעווקע איז שענער פון ווייערך: אויסערלעך — אַ פּאַרזעניש, אינעווייניק — שיין, ריין, ווי אַ טרער.

אָט אַ דער פּשוטער פויער, דער מוזשיק מיטן צעקנייטשטן פּנים, ווי אַן אַלטע, אָפּגעריבענע פּאָדשעווקע, האָט זי, דער שוועס־טער געטרייסט, באַרויִקט בשעת ער אַליין איז געלעגן אין וווּנדן.

האָט ער נישט אין די אַ יסורימדיקע רגעס געהאַט גאָט אין האַרצן?

נאָך דעם האָט זי לאַנג נאָכגעטראַכט. בײַ נאַכט נישט געקענט אײַנשלאָפֿן.

„ווי נעמט אַזאַ איינער כּוח אַזוי אויפֿצונעמען יסורים?" — האָט זי געפֿרעגט דעם אָפּעראַטאָר, דאָקטאָר לעסמאַן, אַן עלטערער מאַן, אַ רוסישער ייִד פֿון לענינגראַד.

דאָקטאָר לעסמאַן האָט איר געפּרוּווט אויפֿקלערן:

— זיכער אַ גלייביקער.

— איך פֿאַרשטיי נישט, דאָקטאָר.

— ביסט אַ ביסעלע צו יונג דאָס צו פֿאַרשטיין.

— קלערט מיר אויף, כ'בעט אײַך.

— אַזוי מקבל־באהבה זײַן יסורים קאָן נאָר אַ מענטש אַ גלייביקער: גלייבט אין גאָט אָדער אין „זײַן זון", יעזוס. אויב ער איז אַ קריסט. ס'קאָן גרײַלעך זײַן — אין מאַמעלע רוסלאַנד, אַפֿילו אין „באַטיושקאַ" סטאַלין — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

— מיינט איר אַזוי?

— יאָ. אויך שטעקט אין דעם אַ פֿאַטאַליזם פֿון אַ רוסישן מוזשיק. אַ רוסישער פֿאָלקסשטריך. און אפֿשר גאָר פֿאַרליבט אין מאַמעלע ערד, אין זײַן שטיקל ערד, אין דער באַלעבאַטישקייט צו וועלכער ער בענקט אַהיימקומען אַ געזונטער.

✶

אַ סך, אַ סך האָט זי זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אין דער קורצער צײַט אויף די סאַניטאַרנע פּונקטן און אין שפּיטאָל. ס'האָט זי אַליין שוין אויפֿגעהערט וווּנדערן אויף איר האַרטהאַרציקייט. טאָמער ווייניק — זענען צו איר דערגאַנגען גרוסן, ביטערע נײַעס פֿון „דאָרטן". סאָוועטישע סאָלדאַטן, פּלעניקעס, געפֿאַנגענע, אַנטלאָפֿענע, צוריק־אַריבערגעקומענע אויף דער זײַט, מאָביליזירטע

און צוריקגעשיקטע אויפן פראָנט — האָבן די שווידערלעכע גרוסן געברענגט.

איינער אַ יונגער רוס, שווער פאַרווונדעט, האָט אין שפּיטאָל דערציילט:

„אויסבאַהאַלטן זיך בײַ אַ ייִדישער משפּחה אין אַ שטעטל קלאַדניעוו, נישט ווײַט פון בוג. אַ טאָג איידער ער איז אַריבער די גרענעץ, איז אין שטעטל געווען אַ גרויסע סומאַטאָכע. עטלעכע פורן מיט ייִדישע משפּחות האָט מען אין אַ ווינטערטאָג אַרויס־געטריבן פון די היימען. אַן אוקראַיִנישער היטער האָט געכאַפּט אַ קינד פון אַ מאַמעס הענט און עס אַ שלײַדער געטאָן אין שניי. די מאַמע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, געוואָלט כאַפּן ס׳קינד פון שניי אַרויס. דער אוקראַיִנער האָט געדראָט מיטן רעוואָלווער. די מאַמע האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן בײַ אים, געזאָגט, אַז אָנעם קינד איז איר לעבן קיין לעבן נישט. דער היטער האָט איר קאַלטבלוטיק געענטפערט אַז אויב אַזוי שיסט ער אַלע ייִדן פון די וועגענער. איז געוואָרן אַ גרויסע סומאַטאָכע. געוויינען, געבעטן, געשרייען. די אומגליקלעכע מאַמע איז צוריק אַרויף אויפן וואָגן.

אין מיטן וועג איז זי צוריק אַראָפּ פון וואָגן. געקומען צו לויפן. געמיינט זי וועט נאָך ראַטעווען איר קינד. דער אוקראַיִנער היטער און ס׳קינד זענען שוין נישט געווען. די מאַמע איז אַרויס מיט אַ היסטעריש געוויין. זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. זי איז אַראָפּ פון זינען.

אַן אַרבעטס־לאַגער הינטער דער שטאָט. צוויי אַרעסטירטע זענען קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. אַן עס־עס־מאַן האָט אַלעמען, אַ מאָן פופציק, געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט. נאַקעטערהייט זיי פאַרטריבן אין נאָענטסטן וועלדל. פינף מאַן געהייסן גראָבן אַ גרוב פאַר די פינף וואָס אין דער ריי. דערשאָסן די ערשטע פינף — דערנאָך — די קברנים. אַזוי ביז ער איז מיד געוואָרן פון שיסן.

באַפוילן די לעצטע פינף זיך אָנטאָן: נעמען מיט זיך די צוויי טיפוס־קראַנקע און צוריק מאַרשירן אין לאַגער אַריַין.

★

און וואָס האָט זי זיך אָנגעהערט פון בראַנקען — אַ שוועסטער אין דער סאַניטאַר־פּאַלאַטע פון וואַנען זי איז אַהער געשיקט געוואָרן? אַ ייִדיש מיידל פון הינטער אַרשע. זי שלאָפט נישט אין די נעכט — האָט זי זיך פאַר איר פאַרקלאַגט. שלאָפט איַין אויף רגעס און גלײַך כאַפּט זי זיך איבער. און ווידער — האַלב־שלאָף, האַלב־וואָך, משונהדיקע חלומות, האַלוצינאַציעס, דאַבטענישן. זי פאַלט פון ערגעץ אַראָפּ. אין אַ תהום אַריַין פאַלט זי. דאָס דאַכטעניש זאָל שטאַמען פון יענע אוראַלטע צײַטן ווען דער מענטש — מענטש־מאַלפּע — האָט געלעבט אויף די ביימער, אין די דזשונגלען.

וויפל צײַט זינט דעמאָלט און דער טויט־פּחד לאָזט אַלץ נישט אָפּ.

ווי לאַנג וועט נאָך דויערן, וועט אָנהאַלטן דער אויפּציטער אין די הערצער, אין די געמיטער פון די וואָס זענען פון לעצטן דזשונגל לעבעדיק אַרויס? — — עטלעכע הונדערט מענער, פרויען, קינדער שטייען אַרומגערינגלט פון געסטאַפּאָווצעס. אַ פינצטערע רעגנדיקע נאַכט. לעבן איר דרייט זיך אַ יונגער עס־עס.

„ביסט דאָך אַ מענטש. האָסט אַ האַרץ. איך וויל לעבן, כ'בין אַזוי יונג" — האָט זי מיט אַ מאָל זיך געגעבן אַ דריי אויס צו אים און געזאָגט. אויף גיך, גיך, אין איין אָטעם געזאָגט. ווו האָט זי גענומען כּוח, העזה דאָס אַרויסצורעדן? ווען האָט זי די ווערטער צוגעטראַכט? צי האָט זי בכלל אין די רגעס געטראַכט? — און צו וועמען רעדט זי אַזוי? אָסור צי זי ווייסט הײַנט, צי וועט זי די זאַך זיך אַ מאָל קענען דערקלערן.

פאַר אַזאַ „חוצפּה" פון אַ „דרעקיקער ייִדישקע" האָט מען דאָך געקענט אויפן אָרט באַצאָלן מיטן לעבן. אפשר טאַקע דערפאַר,

וואָס דאָס לעבן איז שוין נישט געווען אירס ?... אַ גלײַכגילט, אויסער יעדן שאָטן פון האָפענונג, אַ רעזיגנאַציע, ווײַט, ווײַט פון אַ נאָרמאַלער מחשבה — זאָל איר האָבן דיקטירט אָט דעם ריזיקאַלישן שריט(אויף דאָס וואָרט „ריזיקע" האָט שוין פאַרלאָרן די ממשות).

און דער נס איז געשען:

— לויף — מאַכט ער — אָבער איך מוז שיסן.

זי איז געלאָפן. לעבן איר איז געשטאַנען די מאַמע. אַוודאי זיך צוגעקוקט מיט גרויס האַרצקלאַפעניש צו איר טאָכטערס „משוגעת". זי האָט אין די געציילטע סעקונדעס אַ וואָרף געטאָן אויף איר אַ שאַליק, וואָס זי האָט פון זיך אַראָפּגעצויגן און געשעפּטשעט:

— נעם, בראָנקע לעבן, ס'וועט דיר קאַלט זײַן.

וווּ האָט זי כּוח גענומען צו לויפן ? און וווהין לויפן ? עס האָט געמבלט און די פינצטערניש — אַ געדיכטע, קלעפּיקע. זי געדענקט נישט, ווייסט נישט וווהין און ווי לאַנג זי איז געלאָפן.

מיטן שאַרײַען אויף טאָג האָט זי זיך דערשלאָגן צו אַ טײַכל צווישן זומפּיקע קוסטעס. אַ צעבראָכן בריקל. עמעצער שרײַט „סטאָי!" אַ זעלנער. אַ רויטאַרמייער. זי פאַלט צו זײַנע פיס. דער זעלנער הייבט זי אויף. פירט זי אַריבער דאָס בריקל.

אַ כאַטע. אַן עלטערע פרוי שלעפּט פון איר אַראָפּ דעם שאַליק, די נאַסע קליידער, די שיך און זאָקן. זי וואַשט זי אַרום, באַנדאַזשירט די געשוואָלענע, צעבלוטיקטע פיס. אַ שיסעלע קאַרטאָפל אין די שאָלן. אַ וואַרעמער טרונק. זי קוקט זיך אַרום. דער זעלנער, קאָנטיק אַ ייִד, שטייט אין דער אָפענער טיר, זאָגט עפּעס צו דער באָבושקאַ און גייט אַוועק.

די גוטע גויע בייגט זיך אַראָפּ צו איר, גיט זי אַ גלעט איבערן קאָפּ, זאָגט:

— זאַפּלאַטים אים.[45]

✶

45. מיר וועלן זיי באַצאָלן (נקמה נעמען).

ביי די ערשטע איינשפּריצן, וואָס זי האָט געמאַכט קראַנע, פאַרוווּנדעטע — געדענקט זי — האָט זי זיך פאַרקרימט, אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. ד"ר לעסמאַן, דער אָפּעראַטאָר, האָט איר געזאָגט:

— דער איינשפּריץ פאַרגרינגערט דעם פאַרוווּנדעטנסליידן. דו העלפסט דעם קראַנקן געזונט ווערן.

אַן אויפגעשווידערטע איז זי אַוועק פון בעטל. דעם „שוועסטער־פאַנצער", וואָס זי האָט אויף זיך גענומען זינט זי האָט כעניקס פנים דערזען, דאָס גובר זיין די שוואַכקייט און נישט געבן זיך צו דערקענען — אַט דער ווייסער פאַרטעך און האַלב־אָפּענער טשעפּיק — איז אַצינד אַ צעעפנטער געפאַלן צו אירע פיס. — אַ געדאַנקען־בילד האָט זי איבערגעטראָגן דאָרט אַהין פון וואַנען זי איז מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק אַנטלאָפן מיטן לעצטן האַלב־טאָוואַרנע, האַלב־פּאַסאַזשיר־באַן. גאַראַדיע. כעניק, קוביבישעוו, פאַראַכאַד, גאָרקי. כעניק — אין וואָיענקאָמט, זי — אויף אַ קורס פון קראַנקן־שוועסטער. דו, ליבער כעניוש, האָסט זיך נישט געקלאַפּט אין ברוסט, ווי יענער: „אָדער געהרגעט ווערן אָדער אַהיימקומען אַ גערויי". ביסט אַוועק אין מיליטער נקמה נעמען פאַר דיין פרוי און קינד. ביסט איצט צווישן די לעבעדיקע. וועסט אַרויס פון דאַנען. אויף צוויי קוליעס, אויף איין קוליע, אויף אַ פּראָטעז. אַ לעבעדיקער וועסטו אַרויס. וואָסער טעם וואָלט מיין לעבן געהאַט אָן דיר? הלוואי וואָלטן טאַטע־מאַמע, די שוועסטערלעך פון דאָרטן לעבע־דיקע אַרויס...

„מ'עט אים איבערלעבן, דעם דאַטש". — אומגליקלעכע טאַטע־מאַמע, שוועסטערלעך.

כעניוש, איינציקער פריינד מיינער — אויך אַליין דאָ. אַזאַ אַכזריותדיקע צייט. ניין. ביסט נישט אַליין. איך בין מיט דיר. אַ גורל־זאַך. זי זעט באַשיימפּערלעך, אַז ס'איז אַ באַשערטע זאַך.

זי איז צוריק צו צום בעטל.

— אַן איינשפּריץ דיר געקומען מאַכן.

— אוי, דער פוס, דער רעכטער פוס!

— אַמפּוטירט. ס'היילט זיך.

— פאַר וואָס זשע טוט ער וויי?

— די נערוון. די רעפלעקסן לעבן נאָך. שיקן באַפעלן אין קאָפּ, אין מוח.

— און די פּלייצע?

— אַ שפּליטער פון אַן אַנטיטאַנק־סנאַריאַד. אַרויסגענומען.

איינגעשלאָפן. זיין פאַרשלאָפענע האַנט בלאָנדזשעט אויפן אָרט פון אַמפּוטירטן פוס. אין קאָפּ — אַ פאַרטויבנדיק גערויש. ס'האַקט אין די שלייפן, ווי דאָס קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס. אָט־אָט פּלעטן זיי דעם קאָפּ. בררר. קאַלט. הייס. אַ טרונק.

— דערלאַנג אַ טרונק, שוועסטער.

צו מאָרגנס אויף דער נאַכט האָט ער געעפנט די אויגן. אַ ווייס געשטאַלט, אַ ברונעט־צעשמייכלט פּנים איבער אים. אַ שוואַרץ גזשיווקעלע אונטער אַ ווייסן טשעפּיק. זי בייגט זיך איבער אים אַריבער. ווישט מיט די ווייסע פינגער דעם קאַלטן שווייס פון זיין שטערן.

— שוועסטער, פאַר וואָס ביסטו אַזוי גוט צו מיר?

זי שווייגט.

— אוי, דער פוס.

— נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג. ס'ט אַרויסשפּרינגען.

— אויף איין פוס?

— מיט צוויי קוליעס.

— קוליעס?

— נאָך דעם — מיט איינער. נאָך דעם — מיט אַ פּראָטעז.

— פאַר וואָס טוט אַזוי וויי?

— נעם, נעם אַ פּיגול.

— גיי נישט אַוועק פון דאַנען.

— כ'ל נישט אַוועקגיין. דערקענסט מיך נישט?

— דאָס קול, דאָס קול איז מיר גוט באַקאַנט. נעבכן, אייער־נעבכן — אין קול דערקענט. נישט זיכער געווען... די אויגן, די

אייגענע אויגן נישט געגלייבט... קיין כּוח נישט געהאַט איבער־צופרעגן... האַלינאַ?

— האַלינאַ.

— שוועסטער טײַערע, ווי קומסטו דאָ אַהער? חלום איך נישט?

— ניין, כעניוש, דו חלומסט נישט. אַ שוועסטער. אַזוי האָסטו מיר געזאָגט בײַם אַראָפּגײַן פון פאַראַכאַד. „גײַ זײַ אַ שוועסטער".

— און דו האָסט מיר געזאָגט: „דאָווידזעניאַ"...

— אַז מ'לעבט — דערלעבט מען...

— אויף אײַן פוס?

— איין האַרץ... צוויי פאַראייניזאַמטע נשמות מיט איין האַרץ.

— נו, און ווײַטער?

— מלחמה, כעניוש. ביסט מיד. ביסט אָפּגעשוואַכט. די ווונד אויף דער פלייצע איז נאָך פריש. שלאָף אײַן, ליבער.

ער האָט זיך געוואָלט אונטערהייבן, אַרומנעמען זי, צולייגן זײַנע ליפּן צו אירע. אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אין ראַנד פון בעט און צוריקגעפאַלן. זי האָט אים פאַמעלעכקע איבערגעלייגט אויף אַ זײַט, אים צוגעדעקט מיט ז'ער קאָלדרע, פאַפּראַווועט דאָס קישן אונטער זײַן קאָפּ.

ער האָט אָנגעכאַפּט אירע ביידע הענט און צוגעדריקט צו זײַן האַרץ. זי האָט טיפער צו אים זיך אַראָפּגעבויגן, צוויי קושן געגעבן אין די באַקן, אַ קוש אין שטערן.

אַזוי טוליעט אײַן, וויגט אײַן אַ מאַמע איר קינד.

— זײַ מיר אַ שוועסטער, האַלינאַ.

— אַ ווײַב וועל איך דיר זײַן.

פון זעלביקן מחבר:

זײַן, לידער, פֿאַרלאַג „פֿרײַהייט", מינכען 1948

ברויט, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1960

זאַמד, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1963

גורלות, ראָמאַן, פֿאַרלאַג „המנורה", תּל־אביב 1967

יאָרן, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1973

דאָ גייט אויף די זון, לידער, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1975

9 סיפּורים (עברית), פֿון ייִדיש מ. יונגמאַן, הוצאת ספרים מ. ניומן, תּל־אביב תשל"ט, 1979

הי, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1985

אַזוי צו זאָגן, עסייען, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1985

יאָמערגעזאַנג, פּאָעמע, „ישראל־בוך" 1987, תּל־אביב 1987

גרייט צום דרוק:

אַזוי צו זאָגן, עסייען, באַנד 2